HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

מפענח נעלמים

ע״י הרב הצדיק הקדוש מוהר״ר

יחיאל מיכל מזלאטשוב

אין דער מעשה ווערט דר ציילט ווי עס הט
זיך אמאל גטראפן אז איודיש קונד איז
גיבליבן אין איין גרוב ביי איין שררה פון קונד
וויים אן · ביז השי״ת הט אים פון דארטן ארוס
גצוגן דורך איין נכרי אונ ער הט אים פר פירט
צווישן יודן · און פון דעם קינד איז גווארן איין
גאון עולם · און איז גקומן דר צו אז ער זאל נעמן
זיין איגינע שוועסטר פר איין וויב בטעות · נאר
הרב הצדיק הנ״ל הט דס ארוס גזעהן פריר מיט
איין יאר · און הט אים מציל גוועזן פון דר עבירה
דורך איין קוויטל אזו וויא דא ווערט דר ציילט
אזו זאל השי״ת אונז אלע אפ הוטן פון אלירליייא
שלעכטיקייטן · ובא לציון גואל אמן סלה :

ווארשא

בדפוס ר׳ גרשון ור׳ פסח לעבענזאהן נ״י

SIEDM HISTORYI
napisał Mendel Rajzenzaft.
w Warszawie 1865
w Drukarni P. Lebensona

Wolno drukować z warunkeim złożenia w Komitecie Cenzury, po wydrukowaniu prawem przepisanéj liczby eksemplarzy.

Warszawa dnia 19 (31) Stycznia 1865.

p. o. Cenzora B. CYMERMAN

וַיְהִי עֶס אִיז אַמָאל גְוֶועֶן אֵיין אַרֶענְדַאר · עֶר אִיז גְוֶועֶן
זֵייעֶר אֵיין עֶרְלִיכֶר יוד אוּן אִיז גִיזֶעסֶן אִין אֵיין דָארְף
בַּייא אֵיין שְׂרָרָה עֶר הָט גְהֵייסֶן ר׳ יִשְׂרָאֵל · דֶר רֶענְדַאר
אִיז גְוֶועֶן בַּייא דֶעם שְׂרָרָה זֵייעֶר חָשׁוּב · הַיְינוּ עֶר הָאט
אָן דֶעם רֶענְדַאר נִיט גְטָאן קֵיין שׁוּם זַאךְ עֶר הָאט נִיט
גְקוֹפְט אוֹךְ נִיט פַאר קוֹפְט אָן דֶעם רֶענְדַאר · עֶר אִיז אָפְּ
גֶעזֶעסֶן בַּייא דֶעם אָדוֹן אַצַייט פוּן עֶטְלִיכֶע יָאר · רַאמֶעס
פַאר דֶעם דָארְף פְּלֶעגְט עֶר צוּ צָאלִין א׳סְגָארֶע דָס הֵייסְט
פַר יֶעדֶערֶן קְוַוארְטִיל הָט עֶר גְצָאלְט פְּרִיר · דֶר אָדוֹן אִיז
פוּן ר׳ יִשְׂרָאֵל זֵייעֶר קָאנְטֶעט גְוֶועֶן· אִין עֶטְלִיכֶע יָאר אַרוּם
מַאכְט זִיךְ אַז דֶעם ר׳ יִשְׂרָאֶלֶען אִיז שְׁלֶעכְט גְוָואֶרֶן אִין דֶר
אַרֶענְדֶע אוּנ עֶר אִיז גְוָואֶרֶן אָרֶעם · עֶס אִיז גִיקוּמֶן דָאס
קְוַוארְטִיל עֶר הָאט נִיט צוּ גֶעבֶּן דֶעם שְׂרָרָה קֵיין גֶעלְד
אוּסְגָארֶע · הָט עֶר גִיבֶּעטֶן דֶעם שְׂרָרָה אַז עֶר וֶועט אִים
גֶעבֶּן אִיזְרָאלֶע דָאס הֵייסְט דָאס קְוַוארְטִיל וֶועט אוּם גֵיין
וֶועט עֶר אִים בַּאצָאלֶן · דֶער שְׂרָרָה מַחֲמַת עֶר הָאט אִים
זֵייעֶר לִיב גִיהַאט הָאט עֶר בַּייא אִים גְפּוּילְט אַז עֶר וֶועט
נֶעמֶן בַּיי אִים אִיזְרָאלֶע· עֶס אִיז גְקוּמֶן נָאךְ דֶעם קְוַוארְטִיל עֶר
הָאט וַוייטֶער נִיט · עֶר בֶּעט דֶעם שְׂרָרָה עֶר זָאל אִים
וַוארְטֶן וֶועט עֶר אִים שׁוֹן גֶעבֶּן מִיט אַמָאל פַר אֵיין הַאלְב
יָאר · דֶער שְׂרָרָה אִיז אַזוֹ אוֹךְ מְרוּצָה גְוָואֶרֶן אַז עֶר זָאל
נֶעמֶן בַּיי אִים פַר אַהַאלְב יָאר · עֶס אִיז גְקוּמֶן צוּם הַאלְבֶּן
יָאר אוּנ עֶר הָט וַוייטֶער נִיט צוּ גֶעבֶּן · זָאגְט דֶר שְׂרָרָה
צוּ אִים יִשְׂרָאֵל דוּ וֵוייסְט אַלֵיין וָואוּל אַז אִיךְ טוּא נִיט
קֵיין שׁוּם רֶענְדַאר פוּן אַלֶע מַיינֶע רֶענְדַארִים דָס וָוס אִיךְ טוּ

דיר • ווייל איך האב דיך ליב טוא איך דיר נאך מיין • זיץ אפ אין דארף ביז סוף יאר אונ ס'ף יאר זאלסטו זעהן מיר אפ צו געבן דיא ראטע פון אגאנץ יאר • נאר באם דאו אז דו וועסט ניט אפ געבן סוף יאר אין גאנצן די ראטע זאלסטו וויסען אז דוא מיט דיין ווייב און וויפיל קינדער דוא האסט זענט איר אלע פאר פאלען איך וועל אייך אריין ווארפן אין איין גרוב ביז איר וועט דארט אוים שטארבן • אונ גירעדנט דס גאנץ גוט אונ זעה סטארע זיך אז דוא זאלסט האבן די ראטע פר אגאנץ יאר • דער ר' ישראל רענדאר דאנקט אים זייער שיין און גייט פון אים אהיים • ער טראכט זיך ווי אזו עס וועט דער נאך זיין גוט איז אים איין חיי שעה • ער איז אפ גזעסן דאס האלבע יאר אבער דער אומגליק האט אים צו גרונט אז עס איז גקומן סוף יאר ער קאן אים ניט געבן אפילו פאר איין קווארטיל • דער שררה שיקט אים רופן אונ זאגט אים נא ווי איז מיין געלד • זאגט ער אז ער הט ניט איז דר שררה גוואורן אין כעס • אונ הט גשאפט מען האט גנומען דעם רענדאר און דיא רענדארקע און זייא האבען גהאט צווייא קינדער און מיט דעם דרימען איז זיא גוועזן מעוברת און מע האט זיי מיט אלייטער אראפ גלאזט אין איין גרוב • אונ מע הט גיהייסען זיי געבן אלע טאג צו פינט ברוט אונ איין קווארט וואסר אוף יעדערין מענש • דארטן האבן זיי גידארפט לצורך אוך גיין (רחמנא ליצלן) דער איינפיר איז גוועז אז אלע נאכט האט גידארפט גיין צו דעם גריב אנכרי אוף סטראזע • פלעגן דיא נכרים גיין אלע נאכט אקאליע • אז זיי פלעגן קומן צו גיין אוף דער

סטראזע

סטראזע פרעגן זיי זיך אריין ביינגען אין גרוב-אונ פרעגן
ישראל לעבסטו האט ער גענפערט יוא :

ובאותו הכפר אין דעם דארף זענן גוועזן צווייא נכרים
איינר איז גוועזן אבעזריטניק ער האט קיין
קינדער נית גהאט · אינ איז גוועזן אסאוועסניע זייער ·
די גאנצע גראמאדע האבן אים ליב גהאט און ער איז גוועזן
זייער רייך ער האט גהייסען איוואן · דער אנדערער איז
גוועזן איין גימיינער תארזייען אונ איז גוועזן זייער
אשרעכטער · אז דיא גאנצע גראמאדע האט אים פיינט
גיהאט ער האט גהייסען לאקאש · דר איוואן האט ליב גהאט
איין יודען אינ דער לאקאש האט פיינט גהאט איודען איז
גוועזן אז איוואן איז גקומען אוף דער סטראזיע און האט
גזעהן אז אין דיא פאלאצען איז שון פינצטער · פרעגט ער
זיך אריין ביינגען דעם קאפ אין גרוב אריין אונ פרעגט
מיט דעם רענדאר ריידען אונ האט אים אלץ גיפרעגט ·
ישראל וואס וועט זיין דער סוף וום דוא וועסט דא זיצן ·
ענטפערט אים דער רענדאר פר שטייא אליין וואס קאן איך
טאן · איך זאל זיין אין דרוסן וואלט איך זיך גקאנט אפשר
עיצות געבן · אז איך זאל די ווייב און קינדער אוך ארום
נעמן אבר אז איך ליג אין גרוב וואס קאן איך מאהן ·
דער איוואן פלעגט אים טרייסטען · איר האט איין גרוסען
גאט ער איז אמתיר אסורים ער קאן דיך פון דאנען אוך
ארום נעמן אונ האט אים גוויגטשען אגוטע נאכט · אונ
האט זיך אוך גלייגט שלאפען · אבר אז דער לאקאש
פלעגט קימן · האט ער זיך אוך אריין גבוגען אין גרוב
מיט דעם קאפ אונ האט אים גיפרעגט · ישראל לעבסטו

זאגט

זָאגְט עֶר יוֹא • הָאט עֶר אִים אָן גְשָׁאלְטֶען אוּנ הָאט אִים צוּ גְוִוינְטְשֶׁען אַז עֶר זָאל שׁוֹן פוּן דָארְטֶן נִיט אַרוֹס • דֶר ווייל אִיז דִיא רֶענְדַאֹרֶקֶע דָארְטֶן גְלֶעגֶען גְוָואֹרֶן אוּן הָאט גְהַאט אֵיין קִינְד • נָאר ווייל עֶס אִיז גְוֶוען אָן אֵיין בָּאבֶּע הָאט דָם קִינְד נִיט לַאנְג גְלֶעבְּט אוּן אִיז דָארְטֶן גִישְׁטָארְבֶּן לִיגְט שׁוֹן דָאס קִינְד אוֹיךְ דָארְטֶן • אוּן דִיא וֶועֶרֶעם עֶסִין דָאס • אִין עֶטְלִיכֶע וָואכֶן אַרוּם דַארְף אֵיין קִינְד פוּן דִיא צְווֵייא קִינְדֶער אוֹיךְ שְׁלַאף וֶוערֶן אוּנ אִיז אוֹיךְ גִישְׁטָארְבֶּען אוּן לִיגְט אוֹיךְ אִין גְרוּבּ • דִיא זַאךְ הָאט אַזוֹ גְוֶוערְט עֶרֶךְ צְווֵייא יָאר • נָאר דֶר שְׂרָרָה הָאט אֵיינְמָאל גְשִׁוקְט גְוָואר וֶוערֶן זַיין יֶעקַאנָאם צוּ זֵייא לֶעבֶּן אָדֶע • הָאט עֶר גְזֶעהֶן אַז צְווֵייא קוּנְדֶער זֶענֶן טוֹט נָאר עֶר מִיט זַיין ווייבּ אוּן אֵיין קִינְד לֶעבֶּן נָאךְ קָאם קָאם :

וַיְהִי מִקֵץ שְׁנָתַיִם עֶס אִיז גְוֶוען סוֹף צְווֵייא יָאר • אִיז דֶער אִיוַואן גְקוּמֶען אוֹיף דֶר אוּסְטְרַאוֶויֶע צוּם גְרוּבּ הֶער נָכְרִי אִיז גְזֶעסֶן לֶעבֶּן גְרוּבּ בִּיז עֶר הָאט גְזֶעהֶן אַז אִין דִי פַּאלַאצֶען אִיז שׁוֹן פִינְצְטֶר הָאט עֶר אַרַיין גְבּוֹגֶען דֶעם קָאפּ אִין גְרוּבּ • אוּן זָאגְט יִשְׂרָאֵל לֶעבְּסְטוּ זָאגְט עֶר קָאם קָאם • פְרֶעגְט עֶר אוּן דִיא רֶענְדַארֶקע זָאגְט עֶר זִיא לֶעבְּט אִיךְ • נָאר הֵייסְט דָאס אַלֶעבֶּן • זָאגְט הֶער אִיוַואן הָארְךְ צוּ אִיךְ הָאבּ גְמֵיינְט בִּיז אַהֶער אַז דוּ אַלֵיין וֶועסְט דִיר גֶעבֶּן עֶפֶּעס אֵיין עֵצָה אַז דוּ זָאלְסְט אַרוֹס נָאר אִיךְ זֶעה דָאךְ אַז דוּ טְרַאכְסְט גָאר נִיט אַרוּם זִיךְ מִיט דַיין ווייבּ • עַל כֵּן זָאלְסְטוּ וִויסֶען אַז אִיךְ הָאבּ אָפּ גִיטְרַאכְט פוּן אַייעֶרְט וֶועגֶן אֵיין עֵצָה • נָאר גָאט זָאל אַייךְ הֶעלְפֶען אַז מַיין עֵצָה זָאל מְקוּיָים וֶוערֶן • פְרֶעגְט ר׳ יִשְׂרָאֵל אַדְרַבָּא•

זאג מיר וואס האסטו ביא טראכט זאגט דר איוואן אזו ·
איך האב דיר געבראכט איין באנקע ברוינפען· אונ איך
לאז זיא אראפ מיט איין שטריק · זאל די באנקע ברוינפען
שטיין ביא דיר ביז עס וועט אום קומן דיא קאליע אוף
דעם לאקאשען אונ אז ער וועט קימן אוף דער סטראזיע ·
וועט ער דיך פרעגן לעבסטו · (ווארום דיא פרעג האט
גמיזט יעדער נכרי פרעגן) זאלסטו זאגן יוא · אונ זאלסט
אים פרעגן לאקאש וועסטו געמן אביסעל ברונפען וועט
ער דיר זאגן גיב · זאלסטו אים זאגן יוא איך וועל דיר
געבן · נאר באופן דו זאלסט אביסעל טרונקען אונ מיר
אפ געבן דאס איבעריקע · אונ ווערדוג ער איז איין
שלעכטר וועט ער זיך צו געמן דיא גאנצע באנקע · אונ
וועט טרונקען ביז ער וועט שיכור ווערן אונ איך וועל
שטיין אונטער דעם פארקען פון דעם הויף · אבי ער וועט
נאר אנשלאפען ווערן וועל איך קימן מיט איין שטריק
אונ וועל אייך ארום געמן אונ ביא מיר וועט שטיין
איינגישפאנט אפיר מיט דרייא פערד · אונ וועל אייך
אריבער פירען אבי איבער דעם שראעס גרעניץ · אונ
פון דארטן וועט איר זיך צו פארן ווייטר אבי איר זאלט
בלייבן ביי אייער לעבן וועט אייך גאט העלפן צום לעבן :
וכן היה אונ אזו איז געווען · דער איוואן האט אריין
גלאזט די באנקע ברונפען אין גרוב אריין מיט
אשטריק · ר׳ ישראל האט זיא צו גנומען אונ האט זיא
אנידער גישטעלט ביז לאקאש וועט קומען אין עטליכע
נאכט ארום איז אן גקומען דיא טשערע אוף לאקאשען
ער זאל זיין אוף דער איסטראזיע איז ער גקומן צו גיין ·

עֶר בֵּייגְט אַרַיין דֶעם קָאפּ אוּן פְרֶעגְט יִשְׂרָאֵל דוּ לֶעבְּסְט
זָאגְט עֶר יוֹא (אוּן דֶער אִיוַואן אִיז שׁוֹן אוּם גִיגַאנְגֶען אוּנְטֶער
דֶעם פַארֶעקֶען הֶערֶען אוּנ זֶעהֶען וָואס דָא וֶועט זַיין · אוּנ
אִין דֶער הַיים שְׁטֵייט שׁוֹן אִין שְׁטַאל אֵיינְגִישְׁפַּאנְט אֵיין
עֶגָלָה מִיט דְרַייא פֶערְד שְׁטַארֶעקֶע)· פְרֶעגְט דֶער רֶענְדַאר
דֶעם לָאקַאשֶׁען · שְׁלָאפְט מֶען שׁוֹן אִין דִיא פַּאלַאצֶען ·
זָאגְט עֶר יוֹא וָואס בַּארְפְסְטוּ · זָאגְט ר׳ יִשְׂרָאֵל צוּ אִים ·
וֵוייסְטוּ וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶען · זָאגְט עֶר זָאג · זָאגְט
עֶר לָאקַאשׁ טָאמֶער ווִילְסְטוּ אַמְרִינְק בְּרוּנְפֶען זָאגְט עֶר גִיבּ ·
זָאגְט עֶר יוֹא אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבֶּען דִיא גַאנְצֶע בַּאנְקֶע
זָאלְסְטוּ טְרוּנְקֶען וִויפִיל דוּא ווִילְסְט אוּן דָאס אִיבֶּערִיגֶע
זָאלְסְטוּ מִיר צוּ רִיק גֶעבֶּען · דֶער לָאקַאשׁ הָאט אַרָאפּ
גְלָאזְט דֶעם שְׁטְרִיק · אוּן ר׳ יִשְׂרָאֵל הָאט אִים אָן גְבוּנְדֶען
דִיא בַּאנְקֶע בְּרָאנְפֶען אִין עֶר הָאט זִיא אַרוּף גְנוּמֶען · דֶער
לָאקַאשׁ טְרַאכְט שׁוֹן נִיט אָפּ צוּ גֶעבֶּען דִיא בַּאנְקֶע צוּ
רִיק אוּן הָאט אִין זִיךְ אַרַיין גְגָאסֶען דֶעם בְּרוֹנְפֶען בִּיז
עֶר אִיז אוֹיף דֶעם אָרְט אַנִידֶער גְפַאלֶען אוּן אִיז גִיבְּלִיבֶּען
שְׁלָאפֶען טוֹיט שִׁיכּוֹר אוּן דִיא בַּאנְקֶע שְׁטֵייט לֶעבֶּען אִים ·
דֶער אִיוַואן הָאט דֶער זֶעהֶען אַז עֶר שְׁלָאפְט שׁוֹן אִין
הְרַאפֶּעט גַאנְץ גוּט · אִיז עֶר גְגַאנְגֶען צוּ צוּם גְרוּבּ אוּנ
דָאט אַרָאפּ גְלָאזְט אֵיין שְׁטְרִיק · אוּנ זָאגְט אִים יִשְׂרָאֵל
בּוּנְד דִיךְ אַרוּם מִיט דֶעם שְׁטְרִיק אוּנְטֶער דִיא הֶענְט אוּן
אִיךְ וֶועל דִיךְ אַרוּף נֶעמֶען · ר׳ יִשְׂרָאֵל הָאט אַזוֹי גְטָאן ·
עֶר הָאט אִים אַרוּף גְצוֹגֶען אוּן לָאזְט נָאךְ אַמָאל אַרַיין
דֶעם שְׁטְרִיק נֶעמְט דִיא רֶענְדַארֶקֶע אוּן בּוּנְד זִיךְ אוּךְ
אַרוּם אוּן זַייא בֵּיידֶע צִיהֶען זִיא אַרוֹם · דֶער אִיוַואן נֶעמְט

זייא בֵּיידֶע צו זִיךְ · אונ זייא הָאבֶּן זִיךְ אַרוּף גִיזֶעצְט אוּף דֶער עֲגָלָה · אוּן עֶר הָאט זייא אַוֶועק גְפִירְט עֶטְלִיכֶע מֵייל בִּיז אִיבֶּער דֶעם שְׂרָרות גְרֶענֶעץ · אונ הָאט זייא גְגֶעבֶּן גֶעלְד נָאךְ עֶטְלִיכֶע קֶערְבְּלִיךְ · אוּן הָאט זִיךְ מִיט זייא אָפּ גְזֶעגֶענְט אוּן עֶר אִיז גְקוּמֶן בִּיז טָאג אַהֵיים אוּן הָאט אַרוּים גְלָאזְט דִיא פֶערְד · גְלַייךְ וויא עֶר אִיז נָאר גִישְׁלָאפֶן אַנַאנְצֶע נַאכְט אִין דֶר הֵיים · דֶער רֶענְדַאר מִיט דֶער רֶענְדַארֶקע מַחֲצֶת גְרוֹס פְרֵייד הָאבֶּן זייא פַאר גֶעסֶן אַז זֵיי הָאבֶּן דָארְטֶן אִין גְרוּב אִיבֶּער גְלָאזְט אֵיין לֶעבִּידִיק קִינְד · נָאר זֵיי הָאבֶּן שׁוֹן בֶּעסֶר נִיט גְקָאנְט מַאכֶן · זייא זֶענֶען זִיךְ ווייטֶער פּוּן דָארְטֶן אַוֶועק גְפָארֶן אונ אַוֶועק · אונ מִהַסְתָּם הָאט זייא דֶער הַשֵּׁי"ת גְהָאלְפֶן :

וַיְהִי בַּבּוֹקֶר עֶס אִיז גְקוּמֶען אִין דֶער פְרִיא דִיא נָכְרִים פּוּן דָארְף הָאבֶּן אָן גְהוֹבֶּען צו גֵיין אוּף דֶר פַּאנְשְׁטְשִׁינֶע · זייא זֶעהֶן אַז לֶעבֶּן גְרוּב לִיגְט רָאקַאשׁ שִׁיכּוֹר אוּן שְׁלָאפְט · אוּן אֵיין הַאלְבֶּע בַּאנֶקֶע מִיט בְּרוֹנְפֶן שְׁטֵייט לֶעבֶּן אִים · דִיא נָכְרִים זֶענֶען גְנַאנְגֶען צוּם פָּקִיד · אוּן יַאוֶוען אִים דִיא זַאךְ · דֶער פָּקִיד לוֹפְט אַרוּם זֶעהֶט עֶר אַז עֶר לִיגְט הַאלְבּ טוֹט · מֶען וֶועקְט אִים מֶע רֵייסְט אִים מֶע קָאן אִים נִיט דֶער וֶועקִין · דֶער וַוייל אִיז דֶער שְׂרָרָה אוּף גִישְׁטַאנֶען · אִיז גְנַאנְגֶען דֶער פָּקִיד אוּן הָאט דֶעם שְׂרָרָה גְרַאפָּאטִירְט אַז דֶער סְטַארַאז רָאקַאשׁ לִיגְט לֶעבֶּן דֶעם גְרוּבּ שִׁיכּוֹר אוּן אֵיין הַאלְבֶּע בַּאנֶקֶע בְּרוֹנְפֶען שְׁטֵייט לֶעבֶּן אִים · דֶער שְׂרָרָה גֵייט אַלֵיין אוּן זֶעהֶט וויא עֶר אִיז טוֹיט שִׁיכּוֹר מֶע רֵייסְט אִים אָבֶּר מֶע קָאן אִים נִיט דֶער וֶועקִין · דֶער שְׂרָרָה לָאזְט אִים שְׁלָאפֶן בִּיז עֶר

הָאט זִיךְ אוּם גִישְׁלָאפֶֿן · דֶער שְׂרָרָה הָאט גְשַׁאפְֿט מֶען זָאל אַרַיין גֵיין אִין גְרוּבּ אוּנ זֶעהֶן וֶוער דָארְט אִיז דָא · מֶען הָאט גְוֶעהֶן אִיז מַיין נִיטָא נָאר אֵיין קְלֵיין יוּנְגֶעל · מֶען הָאט דָאס יוּנְגֶעל אַרוּס גְנוּמֶען · דֶער וַוייל אִיז דֶער לָאקַאשׁ אוּף גִישְׁטַאנֶען · דֶער שְׂרָרָה הָאט גְשׁוּקְט צוּ נוּף רוּפֶֿן אַלֶע לַייטִישֶׁע נָכְרִים אוּן הָאט גְהֵייסֶן זֵייא מִשְׁפְּטֶן דֶעם לָאקַאשֶׁען · דֶער אִיוַואן זָאגְט לִיבֶּר שְׂרָרָה וֶוען עֶס זָאל זַיין אוּף מַיין סָאד · וָואלְט אִיךְ אִים גְהֵייסֶען דִי הוּט אַרָאפּ נֶעמֶן · הַיתָּכֵן · מָארְגֶן וֶועסְטוּ אִים שְׁטֶעלִין צוּ דִיא מַאנֶעזַאנִים · אוּן אֵיינֶר וֶועט קוּמֶען מִיט אֵיין קְוָוארְט בְּרוֹנְפֶֿען · וֶועט עֶר אִים אַרַיין לָאזֶן אִין מַאגִיזַאן אוּן עֶר זָאל זִיךְ צוּ נֶעמֶן אִין גַאנְצֶען וָואס דָארְטֶן אִיז דָא · בְּקִיצוּר מֶען הָאט ·דֶעם לָאקַאשֶׁען אָפּ גְגֶעבֶּן זַיין מִשְׁפָּט · דָאס יוּנְגִילֶע שְׁמַייט · פְּרֶעגְט דֶער שְׂרָרָה דִי גְרָאמַארֶע וָואס טוּט מֶען מִיט דֶעם יוּנְגֶעל · רוּפְט זִיךְ אָן אִיוַואן לִיבֶּר שְׂרָרָה · אַזוֹ וִויא דִיא וַוייסְט אַז ·אִיךְ הָאבּ נִיט קֵיין קִינְדֶער · בֶּעט אִיךְ דִיךְ שֶׁענְק מִיר אִים אַוֶועק אוּנ אִיךְ וֶועל אִים אוּם חָאוֶוען וֶועט עֶר זַיין מַיין זִין · אוּנ אִיךְ וֶועל קָאנֶן מִיט אִים אָפּ קוּמֶען אֵיין פֵּיינְשְׁטְשִׁיזְנֶע · אוּן עֶר וֶועט זַיין בַּיי מִיר דֶר גַאנְצֶר בַּעַל הַבַּיִת · דֶעם שְׂרָרָה אִיז זֵייעֶר גְפֶֿעלֶן · אוּן הָאט אִים אָפּ גְגֶעבֶּן צוּ דֶעם אִיוַואן · עֶר אִיז גְוֶועֶן בַּייא אִים אֵיין צַייט · עֶר הָאט בַּייא אִים גְפַּאשֶׁעט פְּרִיר קְלֵיין וַוארְג דֶער נָאךְ הָאט עֶר שׁוֹן אָן גְהוֹבֶּען צוּ פַּאשֶׁען דִיא. אָקְסֶען :

וַיְהִי לְיָמִים · עֶס אִיז גְקוּמֶען אִין אֵיין צַייט אַרוּם · דָאס יוּנְגֶער פַּאשֶׁעט דִיא אָקְסֶען · אוּנ הָאט

זיךְ

זיך גראַרפּט צו קרוגען מיט איין אַנדר בן נכרי הט יענר
אים אוס גוואַרפֿן אונ זאַגט אים דוא בוסט איין יוד (זיר)
דאס יונגעל קומט אַהיים · אונ זעצט זיך אַנידער אין
דרוסען אונ וויינט · דיא מאַמע די נכרית רופט אים אַריין
אונ זאַגט זינא קום עסען ער וויל ניט גיין · בקיצור דער
פאטר איוואַן איז גקומען אַהיים פרעגט ער אים וואָס
וויינסטו · זאַגט ער דער אונ דר נכרי האט אים גזאַגט
אַז ער איז איין יוד דער איוואַן זאַגט אים הער ניט וואָס
ער זאַגט · דוא ביסט מיין קינד אונ איך בין דיין טאַטע ·
אונ דס איז דיין מאַמע · ער איז גגאַנגען עסן · אין אַצייט
אַרום צו קריגט ער זיך ווייטער מיט איין פאַסטעך · וואַרפט
ער אים אויך אוס דו ביסט איין יוד איין סימן דו ביסט
גימהלת · דאס יונגעל קוקט זיך צו זעהט ער אַז ער איז
טאַקע גימהלת · איז ער גקומען אַהיים · אין האט זיך גוט
צו וויינט ניט אַנדערש זאַגט מיר פאַר וואָס בייא קיין
שום נכרי איז ניט אַזו וויא בייא מיר · אַסך צו ריידען
פאַסט ניט · דער איוואַן האט דער זעהן אַז עס ציהט אים
צו זיין שורש · זאַגט דער איוואַן צו אים · שאַ מיין
קינד איך וועל דיר זאָגן דעם אמת · נאָר זאַלסט קיינם
ניט דער ציילן · אמת דו ביסט אַיוד · אונ קוקסט אַרום
פון יורען · נאָר וואָס מיט דיר איז דיא מעשה קאָן איך
דיר ניט דער ציילען מחמת דוא ביסט בייא מיר · נאָר
איך וועל שון זעהן בייא טראַכטן אַז דו זאַלסט זיין איין
יוד · אַזו וויא דיין טאַטע מאַמע · אונ איז אַרובר גגאַנגן
צום שררה אונ זאַגט אים אַזו · ליבער שררה איך האב
צו גנומען דאס יונגעל · איך האב גמיינט אַז איך וועל

פוּן אִים הָאבֶּן אַיין פָּאסָאטְץ׳ · נָאר וִויא אִיךְ זֶעה אִיז
אֶמֶת וָואס לַייט זָאגֶן · הָארֶעוֶוע אַוָואלְף אוּן עֶר קוּקְט
אִין וַואלְד אַרַיין · אַזוֹ אִיז דָאס מֶען הָאט אִים גְזָאגְט
אַז עֶר אִיז אַיוּד לִיגְט אִים שׁוֹן דָאס אִין קָאפּ · עַל כֵּן
נֶעם דִיר אִים צוּ אַיִנ עֶר זָאל זַיין בַּייא דִיר אַיין לַייבּ
דִינֶער עֶר זָאל דִיר פִּיצֶן דִיא שְׁטִיוִויל אוֹךְ דַיינֶע מַלְבּוּשִׁים
אִין עֶר וֶועט תָּמִיד זַיין לֶעבֶּן דִיר וֶועט עֶר זִיךְ נִיט קְרוּגֶן
מִיט קֵיינֶעם · אוּן אִיטְלִיכֶער וֶועט מוֹרָא הָאבֶּן אִים צוּ
זָאגֶן יוּד · בִּיז עֶר וֶועט פַר גֶעסֶן וָוס מֶען הָט אִים גְזָאגְט
יוּד · דֶעם שְׂרָרָה אִיז דָאס גְפֶעלֶן וָואס אִיוַואן הָאט אִים
גְזָאגְט אוּן הָאט צוּ גְנוּמֶען בַּייא אִים דָאס יוּנְגֶעל אוּן הָט
אִים גְהֵייסֶן מַאכֶן לַאבְּעריִיעֶ אוּן עֶר אִיז גְוָוארֶן בַּייא אִים
זַיינְס אַלַייבּ קְנֶעכְט · אוּן עֶר הָאט אִים אָפּ גְגֶעבֶּן זַיין
עוּבְדָא צוּ פִּיצֶען דִיא שְׁטִיוֶועל אוֹךְ אַלֶע מַלְבּוּשִׁים אַלֶע
נַאכְט אַז אִין דֶר פְרִיא זָאלֶען זֵיי שֵׁיין זַיין גְפּוּצְט · בְּשַׁעַת
אַז דָאס יוּנְגֶעל דָאס קְנֶעכְטִיל אִיז אַוֶועק גְגַאנְגֶען פוּן
אִיוַואנֶען · הָאט עֶר אִים אַזוֹ אָן גְזָאגְט · דוּ זַייא אִין הוֹף
בִּיז אִיךְ וֶועל דִיר הֵייסֶען קוּמֶן צוּ גֵיין וֶועט זַיין רֶעכְט ·
דָאס קְנֶעכְטִיל אִיז אַוֶועק גְוֶועןן אִין הוֹף אַיין עֶרֶךְ אַיין
הַאלְבּ יָאר · דֶער אִיוַואן זָאגְט צוּ אִים הַייִנְט אוֹף דֶער
נַאכְט זָאלְסְטוּ דֶעם שְׂרָרָה אוֹיס פּוּצֶען אַלֶע זַאכְן · אוּן אַז
עֶר וֶועט זִיךְ שׁוֹן לֵייגֶען שְׁלָאפֶּן זָאלְסְטוּ קוּמֶן צוּ מִיר ·
וֶועט שׁוֹן רֶעכְט זַיין:

כַּךְ הֲוָה אַזוֹ אִיז גְוֶועןן · עֶס אִיז גְקוּמֶען דִיא נַאכְט דָאס
יוּנְגֶעל דֶער לַייבּ קְנֶעכְט הָאט דֶעם שְׂרָרָה אוֹס
גְפָּ ן דִיא שְׁטִיוִויל אוֹךְ אַלֶע מַלְבּוּשִׁים · אוּן דֶער שְׂרָרָה

האט

הָאט זִיךְ גְלֵייגְט שְׁלָאפֶֿן · עֶר הָאט גְנוּמֶען אַלֶע זֵיינֶע זַאכֶען אוּן הָאט אִיבֶּר גְפּוּצְט אוּן הָאט זֵייא אַנִידֶר גְלֵייגְט אוֹיף זַיין טִישֶׁער וָואס גֶעבֶּן זַיין בֶּעט אִיז גִישְׁטַאנֶען · אוּן אַרוּם הַאלְבֶּע נַאכְט אִיז עֶר אַוֶועק גְנַאנְגֶען צוּ אִיוַואנֶען · בַּייא דֶעם אִיוַואן אִיז שׁוֹן גְוֶוען גִישְׁפַּאנְט דִיא פִיר גְרֵייט פוּן תְּחִלַּת הַכַּיְלָה וִויא דָאס יוּנְגִילֶע אִיז גְקוּמֶן צוּ גֵיין · הָאט עֶר אִים אַרוּף גְחַאפְּט אוֹיף דֶעם וָואגֶן · אוּן אִיז מִיט אִים אַוֶועק אוֹיךְ אִיבֶּר דֶער גְרֶענִיץ אוּן הָט אִים דֶר צֵייְלְט אַז עֶר הָאט זַיין פָּאטֶר אוּן מוּטֶר אוֹיךְ אַרוּם גִיגַאנְבֶעתְּ פוּן דֶעם גְרוּבּ אוּן הָאט זֵייא דֶעם גְרֶענִיץ אַרִיבֶּער גְפוּרְט · אַז עֶר הָאט אִים דֶעם גְרֶענִיץ אַרוּבֶּער גְפוּרְט · הָאט עֶר אִים צוּ גְפִירְט צוּ אֵיין שְׁטֶעטִיל · אוּן זָאגְט אִים אָן אַז דוּא זָאלְסְט אַרַיין גֵיין צוּ אֵיין יוּדֶען · אוּן זָאלְסְט אִים זָאגֶן אַז דוּ בִּיסְט אַ־זֹד אַסִימָן אִיךְ בִּין גִימַלֵּת · אוּן נַאדִיר צְוֵייא קֶערְבְּלִיךְ מֶען זָאל דִיר קוֹיפֶען יוּדֶעשֶׁע קְלֵיידֶר אוּן מֶען זָאל דִיךְ אַוֶועק שִׁיקְן ווַייטֶר · בְּקִיצוּר מֶען הָאט אִים גְשִׁיקְט פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט · בִּיז עֶר אִיז אָן גְקוּמֶן קֵיין זְלַאטְשִׁיב · צוּ הָרַב הַצַּדִיק הַקָדוֹשׁ יְחִיאֵל מִיכֶל זללה״ה · דֶער צַדִיק הָאט דָאס יוּנְגֶעל דֶער זֶעהְן · אִיז עֶר אִים זֵייעֶר גְפֶעלִין · אוּן הָאט אִים אָפּ גְגֶעבְּן צוּ אֵיין מְלַמֵד · דֶער מְלַמֵד הָאט אָן גְהוֹבֶּען מִיט אִים צוּ לֶערְנֶען · עֶר הָאט גְלֶערְינְט עֶרֶךְ דְרַייא יָאר · עֶר אִיז גְוָואְרֶן אֵיין לַמְדָן וָואס דִי שְׁטָאט הָט מִיט אִים גִיקְלִינְגֶען · דָס יוּנְגֶעל אִיז חָשׁוּב גְוֶוען בַּייא דֶעם רֶבִּי ר׳ מִיכֶל ז״ל אִיז וִוי דָם שְׁוַוארְצֶע אַפֶּעל פוּן אוֹג עֶר הָאט פוּן זַיינְט וֶועגְן צוּא גִיקְלִיבֶּען מְלַמְדִים חֲרִיפִים וּבְקִיאִים · עֶס הָט אִים גְקָאסְט

אַסַךְ דִיא מְלַמְדִים · עֶר אִיז אַלְט גְוָוארֶן דְרַייצֶעהֶן יָאר
עֶר דַארְף שׁוֹן וֶוערֶן בַּר מִצְוָה · דֶענְצְמָאל אִיז עֶר שׁוֹין
קְלָאר גְוֶוען אִין שַׁ"ס בַּבְלִי · יְרוּשַׁלְמִי · סִפְרָא סִפְרִי ·
תּוֹסֶפְתָּא · מְכִילְתָּא · דֶער רֶבִּי הַקָדוֹשׁ הָאט גְמַאכְט אַיין
גְרוֹסֶע סְעוּדָה · אוּן דָאס יוּנגֶעל הָאט גְזָאגְט אַחִילוּק עֶס
הָאט גִיבְּרָאכֶן סוּחוֹת · עֶר הָט אָבֶּר נָאךְ גְרַאַיְפְּט לֶערְנֶן
אַזַא לֶערְנֶעכְץ וָואס עֶר מוּז הָאבֶּן אַיין רֶבִּי · הָאט דֶער
הֵיילִיגֶער צַדִיק גְשִׁיקְט קֵיין בְּרָאד · אִין מֶען הָט גִיבְּרַאכְט
אַיין מְלַמֵד אַיין גְרוֹסֶען חַרוּף · אוּן הָאט מִיט אִים נָאךְ
גְלֶערִינְט אַיין יָאר · אַז עֶר אִיז אַלְט גְוָוארֶן פוּפְצֶעהֶן יָאר
הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק אָן גְהוֹבֶּען אַלֵיין מִיט אִים
צוּ לֶערְנֶען (חָכְמַת אֶמֶת) דָאס הֵייסְט קַבָּלָה סְפָרִים וַוייל
זַיין מוֹחַ אִיז גְוֶוען זֵייעֶר גְרוֹס · הָט עֶר דִי חָכְמָה מַשִׂיג
גְוֶוען וִויא אֵיינֶר פוּן דִיא אַלְטֶע מְקוּבָּלִים · הָאט דֶר צַדִיק
מִיט אִים עוֹסֵק גְוֶוען צְוֵוייא יָאר אִין קַבָּלָה · אַז עֶר אִיז
שׁוֹן אַלְט גְוָוארֶן זִיבְּצֶעהֶן יָאר · הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַבַּיין
גְרוּפֶן · אִין זָאגְט אַזוֹ · דוּ בִּיסְט שׁוֹן זִיבְּצֶעהֶן יָאר אוּן
דִיא מִשְׁנָה זָאגְט · בֶּן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה לְחוּפָּה · אַיין גָאוֹן
בִּיסְטוּ אִין נִגְלֶה אוּךְ אִין נִסְתָּר · נָאר אַזוֹ וִוי דוּ הָאסְט
אַצַייט יָארֶען גְגֶעסֶן טְרֵיפוֹת · ע"כ דַארְפְסְטוּ דָאס יָאר
פְרַאוֶוען גָלוּת · דוּא זָאלְסְט גֵיין אַגַאנְץ יָאר · וִויא דוּא
וֶועסְט טָאגֶן · זָאלְסְטוּ נִיט נֶעכְטִיקֶען · אִינ וִוי דוּ וֶועסְט
נֶעכְטִיקֶען זָאלְסְטוּ נִיט טָאגֶן · דֶעם בָּחוּר הָט זִיךְ בְּוַודַאי
נִיט גִיגְלוּסְט אַוֶועק פוּן דֶעם צַדִיק · אוּן וִוידֶער עֶר וַוייסְט
גָאר נִיט וִויא צוּ גֵיין · עֶר אִיז קֵיין מָאל נִיט גְפָארֶן ·
אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן גֵיין צוּ פִּיס · נָאר וָואס זָאל עֶר טָאן אַז
דער

דֶער רֶבִּי הֵייסְט אַזוֹ׳ אוֹף אֵיין טָאג הָאט דֶער רֶבִּי
גְמַאכְט אֵיין סְעוּדָה׃ אוּנ הָאט צוּ נוֹיף גְרוּפֶן אַלֶע פָאר
גֶעסְטֶע מֶענְטְשֶׁן׃ אוּן דֶער בָּחוּר הָט גְזָאגְט תּוֹרָה אוּן
גְּמָרָה אִין נִסְתָּר׃ דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ מְחַיֶּיה גְוֶוען אַז
עֶר הָאט מַעֲמִיד גְוֶוען פוּן אַזַא יוּנְגֶער כְּלִי שְׁלֵמָה׃ דֶער
בָּחוּר הָאט זִיךְ מִיט אַלֶע אָפּ גְזֶעגֶענְט׃ אוּנ דֶער רֶבִּי
הָאט אִים אוּם גִיקְלֵייד אוּן הָאט אִים גְמַאכְט כְּלֵי גוֹלָה׃
אוּנ הָאט זִיךְ אָן גְהוֹבֶּען מִיט אִים גֶזֶעגֶענִין׃ אוּן זָאגְט
אִים אָן׃ אַז עֶר וֶועט אַרוֹס גֵיין פוּן דֶער שְׁטָאט זָאל עֶר
גֵיין קֵיין מִזְרַח זַייט דָאס גַאנְצֶע יָאר וָואס עֶר וֶועט גֵיין
זָאל עֶר אַרְץ גֵיין קֵיין מִזְרַח זַייט אִינ וִויא עֶר וֶועט טָאגֶן
זָאל עֶר נִיט גֶעכְמִיגֶען׃ דֶעם גַאנְצֶען וֶועג פוּן אַגַאנְץ יָאר׃
זָאל עֶר נִיט וַוייזֶען זִיךְ אַז עֶר קָאן עֶפִּיס לֶערְנֶען׃ נָאר
דָאס זָאלְסְטוּ הָאבֶּן דֶעם סִימָן אַז עֶס אִיז אִ׳ם גְגַאנְגֶען
שׁוֹן דָאס יָאר׃ אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען אִין אֵיין אָרְט אַרַיין
אוּן מֶען וֶועט דִיךְ בֶּעטֶן אַז דוּ זָאלְסְט דָארְטֶן בְּלַייבֶּען׃
אִין אֶפְשַׁר וֶועט מֶען דִיר דָארְטֶן וֶועקֶן גֶעבֶּן אַווייבּ׃
זָאלְסְטוּ צוּ שְׁטֵיין אוּן זָאלְסְט דָארְטֶן בְּלַייבֶּען׃ אוּן הָאט
אָן גִישְׁרוּבֶּען אֵיין קְוִויטִיל׃ אוּנ הָאט אִים אַרַיין גְלֵייגְט
אִין כַּנְפָה פוּן דִיא צִיצִית אוּנ הָאט אִים אַלֵיין פַר נֵייט׃
אוּן הָאט אִים אָן גְזָאגְט׃ אַז דָארְטֶן וִויא דוּא וֶועסְט
חֲתוּנָה הָאבֶּן זָאלְסְטוּ קוֹדֶם הַחוּפָּה נֶעמֶן יֶענֶעם רָב׃ אוּן
דִיא אוּנְטֶער פִירֶערְס׃ אוּן זָאגֶן אוֹף טְרֶענֶען דִיא כַּנְפָה
אוּן אִיבֶּר לֵייעֶנֶען דָאס קְווִיטִילִ׃ אוּן גְזֶעגִינְט זִיךְ שׁוֹן מִיט
אִים אָפּ׃ אוּן דֶר הֵיילִיגֶער צַדִיק הָאט אִים מִיט מֶענְטְשֶׁן
אַרוֹס בַּיי לֵייט בִּיז אִין דֶער בְּרָאס אוּן הָט אִים גְבֶּענְשְׁט׃

אוּן

אונ ער איז אװעק גגאנגן זיין װעג • אונ דער צדיק מיט
דיא מענטשן האבן זיך אומגיקערט אין שטאט אריין •
דער בחיר איז גגאנגען איבר דעם װעג • אונ האט זייער
גוט גוויינט אונ פלעגט אלע טאג זאגן על חטא װייל ער
איז אצייט גוועזן צווישן נכרים אונ האט גגעסן טריפות •
ער איז אזו גגאנגן וויא דער צדיק האט אים אן גזאגט •
אונ וויא ער האט גטאגט האט ער ניט גנעכטיגט • דעם
גאנצן װעג הט ער זיך ניט גוויזען אז ער קאן עפים לערנן
נאר וויא איין פראסטער מענטש • אונ אזו איז ער גגאנגן
איין גאנץ יאר :

ויהי לשמונה עשרה שנה אז עס איז גקומען די צייט
- אז ער הט גידארפט װערן

שון אכצען יאר • אין דיא צייט איז גוועזן אום װינטער
איז ער אן גקומן אין איין דארף אריין אוף דער נאכט
וואס דארטען איז גזעסין איין רענדאר אבייכער אונ איין
ערליכר יוד • אונ האט גהאט שיינע קינדער װעלכע זייא
האבען גקאנט לערנען אונ זענן גזעסן אונ האבן גלערינט
טאג אונ נאכט • דער בחיר איז אריין גקומען אין דער
קרעטשמע נעבך זייער פר פרורען • עס איז אבער גוועזן
אפילו קרעטשמע מיט נכרים זאגט דער רענדאר יונגער
מאן גיי זיי מוחל אוף דעם אונטערשטן טויער איז דארטן
דא איין שטובעל דארטן זיצען מיינע קינדר אין לערנן •
אונ דארטן איז גאנץ װארעם װעסטו זיך דארטן אפ רוהען
אונ גוט אום װארעמן • דער בחור איז גיגאנגן אין שטיבל
אריין ער קימט אריין זעהט ער אז עס איז זייער שיין אונ
װארום • אשאפע מיט ספרים שטייט • אונ צוויא יונגע

ביים זיצען און לערנען זייער גישמאק זייא האבן גאר ניט
איין גזעהן וויא ער איז אריין גיגאנגען · ער הט זיך גזעצט
לעבן דעם רעבע · ער האט זיך גאר מתייה גוועזן · אונ
וויל ער איז גוועזן זייער מיד הט ער זיך אוף דר באנק
צו גלייגט · וויא ער ליגט אזו הערט ער ווי זיי זענן זיך
מפלפל אין אשטיקעל גמרא · אבער זיי קאנן ביידע ניט ·
הט ער זיך שון ניט גקאנט איין האלטן · אונ זאגט אוי
גוואלט וואס רעט איר איר זענט אראפ גיקראכן פון דעם
אמתען פשט · דריבער קאנט איר ניט · זיי האבן דער
הערט איז בייא זייא אין הארצן גוועזן איין גלעכטר אפום
גייער זאגט אז זיי קאנן ניט · זיי גיבן אים שלום · און
זאגן אים אדרבא זאג דוא דעם פשט · ער האט זייא
גזאגט האבן זייא מודה גוועזן אז דר אמת איז אזו · עס
איז גקומן דיא צייט פון וועטשירע איז אריין גקומן דער
משרת רופן זיי עסין · האבן זייא דעם בחור אוך גרופען
עבן מען האט אים מכבד גוועזן מיט אטרונק ברוינפען ·
דיא יונגע לייט האבן זיך מיישב גוועזן און זאגן דעם פאטר
אזו וויא דער בחור איז געביך זייער אפ גרוסען און עס
איז היינט ווינטער · פאטער וואלט מען אים איין גבעטן
אז ער זאל לערנען מיט אונזער קליין ברודעריל · דארף
ער לערנען אין שטאט אונ זאל געבן לעבן אין דהקות
בייא דעם מלמד · זאן אים צו עטליבע קערבליך · אונ
אז ער וועט לערנען מיט אים צווייא שעה אין טאג איז
בעסר וויא דער מלמד וועט מיט אים לערנען אגאנצן טאג ·
דעם פאטר איז דיא זאך זייער גפעלן · ער בעט דעם
בחור און רעט אים איין · דארפסטו זיך שלעפן אוף דר
וועלט

װעלט און אום װינטר · בלײב בײא מיר װעסטו לערנן מיט מײן קינד · און איך װעל דיר ערליך בײא צאלן · דר בחור האט זיך דר מאנט אז דער רבי האט אים גזאגט דארטן װיא מען װעט אים בעטן זאל ער בלײבן · דרום איז ער מרוצה געװארן ער זאל לערנען מיט דעם קלײנם יונגעל · דער פאטר איז אין דער פריא אין שטאט אריין אין האט דעם כלמד געשענקט עפיס · און האט דם יונגל אפ גנומן אהײם אונ ער האט מיט אים אן גהובן צו לערנן · דיא יונגע לײט האבן דער הערט װיא אזו ער לערענט מיט דעם יונגעל · האבן זײא גיקװאלען · אוף דער אנדערע נאכט זיצט דער בחור בײא דעם אובען און װארעמט זיך · און דיא יונגע לײט האבן זיך גזעצט לערנען פוסק · יורה דעה אורך ש״ך · און ער הערט אום װײניג װיא זײא לערנען · זײא זענן גקומן אוף אײן ארט און האבן זיך פר האקט איך מחמת זײא האבן שלעכט גלערינט דעם פשט איז זײא קשה געװארן קשיות (זה אומר בכה װזה אומר בכה) דער זאגט אזו און דער ענפערט אזו און עס איז פארט ניט גוט · און ער הערט אלץ ער קאן ניט אום לײדען · און זאגט צו זײא אױ בלאזעט איר אבער גאר מים · דער פשט איז אזו אונ אזו · דיא האבן דער הערט װאס ער זאגט זײא · האבן זײא אים גבעטן אדרבא זאג דיא װיא אזו איז דער פשט · ער איז אפילו ניט צו גנאנגן צום טיש · אונ האט זײ אים װײניג גזאגט · זײא האבן דער הערט · אז ער איז אין פוסק אוך קלאר · האבן זײ אים צו דער װעטשערע נאך שענער מכבד געװען װארום זײא האבן פר שטאנען אז ער קאן

אסאך

אַסךְ בֶּעסֶער לֶערְנֶען פון זייא • און זייא ווייסֶן נָאךְ גאר
ניט וָואס לֶערְנֶען בַּייא מַייט • זייא זָאגֶן דֶעם פָּאטֶּר
שְׁטִיפֶערְהֵייט דוּא זָאלְסְט ווִיסֶן אַז עֶר קָאן אַסַאךְ בֶּעסֶער
לֶערְנֶען פון אוּנְז • עֶר אִיז קְלָאר אִין פּוֹסֵק א׳סְווַיינִיג •
דְּרִבְּן זָאלְסְטוּ בַּייא דֶער וֶועטְשִׁירֶע מִיט אִים רֵייהֶן אַז עֶר
זָאל מִיט אוּנְז לֶערְנֶען בְּתוֹרַת חָבֵר און דֶער פַּר וֶועסְטוּ
אִים גֶעבֶּן דְרַייסִיג קֶערְבְּלִיךְ • אִין אוּנְזֶער קְלֵיין בְּרוּדֶערִיל
וֶועסְטוּ קְרוּק אָפּ פִּירֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין • אַזוֹ אִיז גְוֶוען
דֶער רוּנְדַאר הָאט בַּייא דֶער וֶועטְשִׁירֶע אָן גְהוֹבֶּען צוּ
רֵייְדֶען מִיט דֶעם בָּחוּר • און זָאגְט אַז גָאט הָאט מִיר
צוּ גְשִׁיקְט אַזָא יוּנְגֶען מַאן וָואס קָאן מִיט מַיינֶע קוּנְדֶר
לֶערְנֶען בְּתוֹרַת חָבֵר • אִיז פַּר דִיר אוֹךְ גְּלַייכֶער דוּ זָאלְסְט
בְּלַייבֶּען בַּייא מִיר • דוּא וֶועסְט בְּלַייבֶּען בַּייא לֶערְנֶען •
און מַיינֶע קִינְדֶער וֶועט אוֹךְ זַיין אַטוֹבָה • און דֶער פַּאר
גִיב אִיךְ דִיר דְרַייסִיג קֶערְבְּלִיךְ בִּיז אִין דֶעם סוֹף זְמַן •
און עֶסֶן און טְרוּנְקֶען אוֹיף דֶעם שֶׁענְקְטֶען אוֹפָן מִיט אֵיין
שֵׁיינֶע קַאפָּאטֶע אַז עֶס זָאל זַיין שֵׁיין פַּר מִיר מִיט מַיינֶע
קִינְדֶער׳ דֶער בָּחוּר הֶערְט דָאס • עֶר אִיז מְרוּצֶה גְוֶוארֶן
דֶער צוּ אוֹךְ מֶען הָאט אִים תֵּיכֶף אָן גְטָאן שֵׁיינֶע קְלֵיידֶר •
און זייא לֶערְנֶען שׁוֹן אִין אֵיינֶעם בְּתוֹרַת חָבֵר • אִין דָם
קְלֵיינֶע יוּנְגֶעל הָט דֶער פָּאטֶר אָפּ גְפוּרְט אִין שְׁטָאט אַרַיין
צוּ דֶעם אֵייגִינֶעם מְלַמֵּד • אַז דֶער בָּחוּר הָאט אָן גְהוֹבֶּען
מִיט זייא צוּ לֶערְנֶען הָאבֶּן זייא קְלָאר אַרוּם גְזֶעהֶן אַז בִּיז
אַהֶער הָאבֶּן זייא גָאר נִיט גְוִוּיסְט וָואס לֶערְנֶען אִיז • עֶר
הָאט זייא אוֹיף גִיעֶפְנְט דִיא אוֹגֶען מִיט דֶעם שֵׂכֶל • זייא
גֶעהֶן צוּם פָּאטֶר און דַאנְקֶען דֶעם פָּאטֶר פַּאר וָואס עֶר

הָאט זַייא גְגֶעבְּן אַזַא חַבֵר׃ זַייא הָאבְּן אָפּ גְלֶערִינְט דִיא גַאנְצֶע וָואךְ׃ עֶס אִיז גְקוּמֶען פְרַייטִיג נָאךְ הַאלְבְּן טָאג׃ זֶענֶען דִיא יוּנְגֶע לַייט גְפָארְן אִין מֶרְחָץ אִין שְׁטָאט אַרַיין׃ זַייא הָאבְּן דֶעם בָּחוּר אוֹךְ גְבֶּעטְן עֶר זָאל מִיט זַיי פָארְן׃ אָבֶּר עֶר הָאט נִיט גְוָואלְט׃ אוֹף דֶעם אַנְדֶערְן פְרַייטִיג זֶענֶן זַייא אוֹךְ גְפָארְן אִין שְׁטָאט אַרַיין פְרֶעגְט עֶר דִי יוּנְגִי לַייט אַייעֶר רָב פוּן שְׁטָאט קָאן עֶפִּיס לֶערְנֶען׃ זָאגֶן זַייא מִסְתָּמָא אַז עֶר אִיז אֵיין רָב קָאן עֶר בְּוַודַאי לֶערְנִין׃ זָאגְט עֶר אִיךְ וֶועל מַאכֶן אֵיין פְרִיב׃ אוּן הָאט גְנוּמֶן דֶעם יוֹרֶה דֵעָה אוּן הָאט מִיט זַייא גְלֶערִינְט דִיא זַאךְ׃ אוּן הָאט גְוִויזֶען אֵיין סְתִירָה דָאס הֵייסְט אֵיין דֶער ווִידֶער פוּן אֵיין שְׁטִיקֶעל שׁ״ךְ אוֹף דֶעם אַנְדֶערְן׃ אוּן דָם זָאלְט אִיר וַוייזֶען דֶעם רָב׃ נָאר עֶר וֶועט אַייךְ בְּוַודַאי עֶנְפֶערְן אַזַא תִירוּץ׃ זָאלְט אִיר אִים אַזוֹ אָפּ פְרֶעגֶן׃ וֶועט עֶר אַייךְ אַזוֹ עֶנְפֶערְן זָאלְט אִיר אִים אַזוֹ אָפּ פְרֶעגֶן׃ אוּן אַז עֶר וֶועט שׁוֹן קֵיין אַנְדֶערְן תִירוּץ נִיט הָאבְּן׃ זָאלְט אִיר אִים זָאגֶן דֶעם תִירוּץ אַזוֹ׃ אוּן הָאט זַייא גוּט קְלָאר גְמַאכְט אַז זַייא זָאלֶען נִיט בְּלַייבְּן אִין מוּטְן שְׁטֵיין׃

וַיִסְעוּ מִכְּפַר לָעִיר אַזוֹ אִיז גְוֶוען זַייא זֶענֶען אַוֶועק גְפָארְן אִין שְׁטָאט אַרַיין אִין מֶרְחָץ

אוּן זֶענֶן אַרַיין גְגַאנְגֶען צוּם רָב דֶער רָב הָאט דֶער זֶעהֶן דִיא יוּנְגֶע לַייט הָאט עֶר זַייא גַאנְץ שֵׁיין צוּ גְנוּמֶן׃ אֵיינְס מַחֲמַת זַייעֶר פָאטֶר אִיז אַגְרוֹסֶער נָגִיד׃ צְווַייטֶענְס׃ זַייא זֶענֶן אַלֵיין שֵׁיינֶע יוּנְגֶע לַייט׃ וּבִפְרַט זַייא זִיצֶען אוּן לֶערְנֶען (יוֹמָם וָלַיְלָה) טָאג אוּן נַאכְט׃ דֶער רָב הָט זַייא מְכַבֵּד גְוֶוען מִיט מַשְׁקֶה אוּן פַאר בַּייסֶען׃ דֶער נָאךְ זָאגֶן

דיא

דִיא יוּנְגֶע לַייט צוּם רָב · רֶבִּי מִיר הָאבֶּן אַייךְ עֶטְוָואס צוּ פְרֶעגֶן אִין יוֹרֶה דֵעָה זָאגְט עֶר פְרֶעגְט קוּנְדֶערְלִיךְ · זַייא הָאבֶּן אִים גְוִויזֶן אוּן הָאבֶּן אִים גִיפְרֶעגְט דִי (סְתִירָה) דֶעם וִוידֶער אַנַאנְד · עֶר הָאט מַעְיֵין גְוֶועזֶען אִין דֶער זַאךְ אוּן עֶנְפֶערְט זַייא אַתִּירוּץ אַזוֹ וִויא דֶער בָּחוּר הָט אִין דֶר הֵיים גְזָאגְט · הָאבֶּן זַייא אִים אָפּ גִיפְרֶעגְט · הָט עֶר זִיךְ גְטוּטְשֶׁעט · אוּן הָאט אַנְדֶרְשׁ פַאר עֶנְפֶערְט · הָאבֶּן זַייא אִים וַוייטֶער אָפּ גִיפְרֶעגְט · עֶר הָאט שׁוֹן קֵיין אַנְדֶערֶן תִּירוּץ נִיט גְהַאט · זָאגְט דֶער רֶבִּי אֶפְשֶׁר הָאט אִיר עֶפֶּס אֵיין תִּירוּץ · זָאגֶן זַייא אוּנְז דַאכְט זִיךְ אַז אַזוֹ אִיז דֶער פְּשַׁט אוּן הָאבֶּן אִים גְזָאגְט · דֶער רָב הָאט דֶער הֶערְט דֶעם תִּירוּץ · זָאגְט עֶר זַייא קִינְדֶערְלִיךְ אִיךְ קָאן אַייךְ גַאנְץ גוּט · אִיךְ פַאר שְׁטֵייא אַז דִיא קַשְׁיָא אִיז נִיט אַייעֶר · אוּן דֶער תִּירוּץ אִיז בְּוַודַאי נִיט אַייעֶר · לָכֵן בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט מִיר זָאגֶן וֶועמֶעס שֵׂכֶל אִיז דְרוּנְגֶען אַזוֹ צוּ פְרֶעגֶן אוּן אַזוֹ צוּ פַאר עֶנְפֶערֶן אוּן וֶוער אִיז דֶער מֶענְטְשׁ · זַייא הָאבֶּן אִים נִיט גְוָואלְט זָאגֶן מַחֲמַת זַייא הָאבֶּן פַאר אִים מוֹרָא גְהַאט · טָאמֶער וֶועט עֶר זִיךְ בֵּייזֶערֶען · דֶער רָב הָט אוֹף זַייא גוֹזֵר גְוֶועזֶען בִּגְזֵירַת הָרַב זַייא הָאבֶּן אִים גְמוּזְט זָאגֶן · הָאבֶּן זַייא אִים דֶער צֵיילְט אַז עֶס אִיז צוּ זֵיי גְקוּמֶען אֵיין אָרוּמֶער בָּחוּר · אוּן זַייא הָאבֶּן אִין אִים דֶער שְׁמֶעקְט אַז עֶר קָאן גוּט לֶערְנֶען הָאבֶּן זַייא אִים פַאר הַאלְטֶען בַּייא זִיךְ · אַז עֶר זָאל לֶערְנֶען מִיט זַייא בְּתוֹרַת חָבֵר · הָאט עֶר אוּנְז אוּם גְלֶערוּנְט וִויא אַזוֹ צוּ פְרֶעגֶן · אוּן וָואס צוּ עֶנְפֶערִין אוּן וִויא אַזוֹ דֶר אֶמֶתֶער פְּשַׁט אִיז · אַז דֶער רָב הָאט דָאס דֶער הֶערְט · הָט עֶר זֵיי

מעשה פלאים

גְבֶּעטְן אַז אִיבֶּר אַכְט טָאג פְרֵייטָאג זָאלֶן זֵייא אִים בְּרֶענְגֶן אִין שְׁטָאט אַרַיין · עֶר ווִיל מִיט אִים אִיבֶּער רֵיידֶן אִין תְּרוּמוֹת וּמַעַשְׂרוֹת · ווֶעלִיכֶעס עֶס אִיז אִים קָשֶׁה אוּן עֶר הָאט נִיט מִיט קֵיינֶעם דִיא זַאךְ אִיבֶּער צוּ רֵייֶדן · אוּן ווֶעדְלוּג עֶר פַאר שְׁטֵייט אִיז עֶר אֵיין שְׁטַארְקֶער חָרִיף וּבָקִי · ווֶעט עֶר מִיט אִים דִי זַאךְ רֵייֶדן · דִיא יוּנְגֶע לַייט הָאבְּן אִים צוּ גְזָאגְט · אַז זֵייא זָאלֶן אִים בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין · דִיא יוּנְגֶע לַייט זֶענֶען גְקוּמֶן אַהֵיים פוּן מֶרְחָץ · זֵייא הָאבְּן אִים דֶער צֵיילְט אַז עֶר הָט אַקָארַאט גֶעֶנְפֶערְט אַזוֹ וִויא עֶר הָאט גְזָאגְט · אוּן דֶער נָאךְ הָאבְּן זֵייא אִים גְזָאגְט זֵייעֶר תִּירוּץ אִיז אִים זֵייעֶר גְפֶעלֶן · אוּן עֶר הָאט אוֹיף אוּנְז גוֹזֵר גְוֶועֶן בִּגְזֵירַת הָרַב אַז מִיר זָאלֶען אִים זָאגֶן (מִי הִיא זֶה וְאֵי זֶה הִיא) ווֶער אִיז דֶער מֶענְטְשׁ ווָאס הָאט אַזַא מוֹחַ אַזוֹ צוּ פְרֶעגֶן אוּן צוּ עֶנְפֶערֶן · הָאבֶּן מִיר אִים גְמוּזְט זָאגֶן · הָאט עֶר גְבֶּעטֶן אַז אִיר זָאלְט אַנְדֶערְשׁ נִיט טָאן נָאר אִיר זָאלְט פְרַייטִיג קִימֶן מִיט אוּנְז צוּ פָאהְרֶן אִין שְׁטָאט אַרַיין · עֶר ווִיל מִיט אֵייךְ אִיבֶּר רֵיידֶן אִין לֶערְנֶען ווֶעלִיכֶם עֶר קָאן מִיט אַנַאנְדֶערִין דִיא הִלְכְתָא נִיט רֵייֶדן · עֶנְטְפֶערְט דֶער בָּחוּר · אִיךְ ווֶעל אִים צוּ לִיבּ טָאן אוּן ווֶעל אי"ה פְרֵייטִיג פָארֶן · עֶס אִיז גְקוּמֶן פְרֵייטִיג זָאגֶן דִיא יוּנְגֶע לַייט צוּם פָאטֶר · אַזוֹ וִויא דֶער רָב הָאט גְבֶּעטֶן אַז מִיר זָאלֶן בְּרֶענְגֶן דֶעם בָּחוּר צוּ אִים · אוּן דֶר צֵיילֶן אִים אַז דָאס ווָאס עֶר הָאט גִיפְרֶענְט הָאט דֶר רָב נִיט גְוִויסְט · עַל כֵּן ווִילֶן מִיר אִיךְ פָארֶן מִיט אִים לָאטֶער הֶערֶען ווָאס דָארְטֶן ווֶעט זַיין · לָכֵן זָאלְסְטוּ אוּנְז הֵייסֶען אֵיין שְׁפַּאנֶען דִיא גְרוֹסֶע נַאטְשַׁאנְקֶע מִיט דְרַייא פֶערְד ·

אזו

אַזוֹ וִויא אוּנְז שְׁטֵייט אָן · דֶער רֶענְדַאר הָאט בַּאלְד
גְשַׁאפְט סֶען זָאל שְׁפַּאנֶען דִיא נַאטְשַׁאנְקֶע מִיט דְרַייא
פֶערְד · אִין זֶענִין אַוֶועק גְפָארֶן · זַייא זֶענֶען גְקוּמֶען אִין
שְׁטָאט אַרַיין זֶענֶען זַייא פַר פָארֶן גְלַייךְ צוּם רָב · דֶער
רָב גוּט אִים שָׁלוֹם אוּן רֶעט מִיט אִים זַיינֶע שַׁאֲלוֹת וָואס
עֶר הָאט גְהַאט צוּ רֵיידֶען · דֶער פַר עֶנְטְפֶערְט אִים יֶעדֶער
זַאךְ אוּן וַוייזְט אִים אוֹם פוּן סְפָרִים אַז דֶר אֱמֶת אִיז אַזוֹ :
וַיֵשֶׁב הָרַב כְּמִשְׁתּוֹמֵם דֶער רָב אִיז גִיבְּלִיבֶּן זִיצֶען ·
עֶר וִוינְדֶערְט זִיךְ וִויא הָאט
זִיךְ גְנוּמֶן צוּ אַמֶענְטְשׁ אַזַא מֹחַ · אִין אַזַא קְרָאנֶן שֵׂכֶל ·
דֶער וַוייל גֵייט דֶער בָּחוּר צוּ צוּ דֶער שַׁאפֶע פוּן סְפָרִים
אוּן דֶער זֶעהֶט קַבָּלָה סְפָרִים · פְרֶעגְט עֶר דֶעם רָב · אִיר
חָט עֶפִּים אֵיין יְדוּעָה אִין קַבָּלָה סְפָרִים · זָאגְט עֶר אַבִּיסֶל ·
עֶר טוּט אִים אִין דֶעם סֵפֶר וָואס עֶר הָאט אַרוֹם גְנוּמֶען
פוּן דֶער שַׁאפֶע · אַפְרֶעג אַזַאךְ עֶר זָאגְט אָבֶּר נִיט אֱמֶת ·
הָאט דֶער בָּחוּר אִים גְזָאגְט · הָאט עֶר גְוִויסְט אִין דֶעם
לֶערְנֶען פוּן קַבָּלָה אַזוֹ וִויא אַגְרוֹסֶר מְקוּבָּל דֶער רָב קוּקְט
אִים אָן · וִויא הָאט זִיךְ גְנוּמֶן צוּ אֵיין מֶענְטְשֶׁן אַזַא קָאפּ
אִין נִגְלֶה אוֹיךְ אִין נִסְתָּר · דִיא יוּנְגֶע לַייט זִיצֶן אוּן הֶערֶן
וִויא דֶר בָּחוּר אִיסְפְּרַאוֶועט זִיךְ סַייא אִין נִגְלֶה סַייא אִין
נִסְתָּר · בֵּין כַּךְ וּבֵין כַּךְ) וִויא זַייא רֵיידֶען אַזוֹ · אִיז דֶער
רָב אַרוֹם גְנַאנְגֶען פוּן דֶער סַאלֶע אִין אֵיין קָאמְנַאט
אַרַיין אִין הָאט זִיךְ נִיט פִיל גְזָאמְט אוּן אִיז אַרַיין גְקִימֶן ·
דֶער רָב אַלֵיין אִיז אוֹיךְ גְוֶוען אֵיין גְבִיר · אִין הָאט סֵיין
נִיט גְהַאט נָאר אֵיין בַּת יְחִידָה · אוּן זִיא אִיז גְוֶוען אֵיין
שֵׁיינֶער פַּארְשׁוֹן · אוּן אַגִילֶערֶענְטֶע · וִויא זַייא זוּצֶען קוּמְט
אריין

אַריין צו גֵיין דִי בַּת יְחִידָה . אוּם גְצִירְט מִיט אַלֶע תַּכְשִׁיטִים
אוּן טְרָאגְט אַרֵיין מַשְׁקֶה מִיט פַר בַּייסֶען • דִי יוּנְגֶע לַייט
אִיז קָשֶׁה גְוָוארֶען • וְוִיא קוּמְט דָאס אַז אַבְּתוּלָה זָאל זִיךְ
אוּם צִירֶען אֵיידֶער מֶען פַאר רוּקְט צָאלֶענְט • זֵייא הָאבֶּען
צוּ גִישְׁווִיגֶען • אוּנ זֶענֶען אַהֵיים גְפָארֶען • דִיא יוּנְגֶע לַייט הָר
צֵיילֶען דֶעם פָּאטֶר דִיא גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וְוִיא אַזוֹ עֶר אִיז
אֵיין גָּאוֹן אִין נִגְלָה אוֹךְ אִין נִסְתָּר • אוּן זָאגֶן דֶעם פָּאטֶר
אוּנְז גְפֶעלְט אַז דָאס וָואס דִיא בְּתוּלָה דֶעם רָבְּס הָאט
זִיךְ אַזוֹ פְרִיא אוּם גְצִירְט • אִיז נִיט אַנְדֶערְשׁ דֶער רָב וְויל
אִים בְּווַדַאי נֶעמֶען פַר אֵיין אֵיידֶעם • עַל כֵּן אִיז אוּנְזֶער
דֵעָה • אַזוֹ וְוִיא מִיר הָאבֶּען אֵיין שְׁוֶועסְטֶער אִין דִיא אֵייגְנֶע
יָארֶען וָואס דֶעם רָבְּס בְּתוּלָה • אוּן דִיא קָאנְסְט אִים גֶעבֶּען
נַבֵן אַזוֹ וְויא דֶער רָב • עַל כֵּן זָאל מֶען שַׁבָּתוֹת צוּ נַאכְט
מִיט אִים רֵיידֶען • אוּן מֶען זָאל דָאס שְׁוֶועסְטִירֶעל אוֹךְ שֵׁיין
אוּם צִיהֶרֶען • אוּן מֶען זָאל זֶעהֶן מִיט אִים שְׁרֵייבֶּען תְּנָאִים •
אוּן דֶעם אַנְדֶערֶן שַׁבָּת זָאל זַיין פָאר שְׁפִּיל • כְּדֵי דֶער
רָב זָאל גָאר נִיט וִויסֶען • אוּן עֶס זָאל וֶוערֶען פְּרוּצְלִינְג
אַחְתוּנָה • דֶער פָּאטֶר הָאט דָאס וֶער הֶערְט • זָאגְט עֶר
אִיר זֶענְט גְרֶעכְט • דֶער רָב מֵיינְט בְּווַדַאי דָם דָאזִיגֶע •
עֶר וְויל אִים פַר אֵיין אֵיידֶעם • אוּן מֶען דַארְף דָם מַאכֶן
כְּדֵי עֶר זָאל זַיין אַייעֶר שְׁוָואגֶער • וֶועט אִיר אִין אֵיינֶם
זִיצֶען אוּנ לֶערְנֶען וֶועט דָאס זַיין בַּייא מִיר זֵייעֶר טַאיֶיעֶר
אַז אִיר וֶועט אַלֶע קָאנֶען לֶערְנֶען • דֶער שַׁבָּת אִיז גְוֶועֶן
בַּייא זֵייא גְרֶעכֶענְט אֵיין יָאר • דֶר שַׁבָּת גֵייט אַוֶועק מֶען
הָאט גְמַאכְט אֵיין קַאוֶוע אוּן מֶען הָאט זִיךְ גְזֶעצְט אַלֶע
טְרוּנְקֶען • אוּן דָאס שְׁוֶועסְטִירֶעל הָאט מֶען גַאנְץ שֵׁיין

אוים

אום גיסטרויעט · זאגט דער פאטער האך נאר צו מיין קינד ווייסט וואס איך וועל דיר זאגן · איך וויל אז דו זאלסט זיין מיין איידעם · אונ דיא קינדער איין שוואגער כדי איר זאלט זיצן אין איינם און לערנין · אונ נדן אונ מלבושים איז קיין מניעה ניט וויפיל דו וועסט זאגן גיב איך דיר · אונ זעה דיא בתולה אז זיא איז יפיפיה · אינ וועסט דיר זיין שון אויף איין ארט · אונ וועסט פר שפארן שוין אנדערע זאכן צו טראכטן · דער בחור דער מאנט זיך אין דעם רעבם ווארט · אז דארטן וויא מען וועט אים בעטן פאר איין איידם זאל ער וועלין · ענפערט דר בחור (אם מה׳ יצא הדבר יוגמר בכי טוב) מן הסתם הייסט גאט אזו קאז זיין מיט מזל טוב · זייא האבן גגעבן זיך די הענט און מען האט גיבראכן וויים גפעס און גשריבן תנאים · און מענטשן וואס זענגן גוועזן נאך אין דארף האבן זיך גתתמנת און אויף דעם אנדערן. שבת זאל זיין פאר שפיל · קאן מען אליין פאר שטיין וואס פאר איין שמחה עס איז גווארן אויף דר גאנצער פאמעליע · זינטאג אין דער פריא דער רענדאר איז גפארן ניט אין דר שטאט וויא דער רב איז נאר אין איין אנדער שטאט און האט אן גנומען אין קלייט אלדעם גוטץ וועגן דר כלה אוך וועגן דעם חתן · און מען האט אן גיטרובען שניידערם · שוסטערם · סארווערם · אונ כל הזאכן וואס מען דארף צו איין חתונה · און מען האט גיטרעביוועט אלדונג · בכדי אז עס זאל זיין אויף שבת גרייט · פרייטיג בייא טאג שיקט דער רענדאר צווישן זיינע רענדארם · און מען האט גיבראכט מיידלך צו דער כלה אויף דעם פאר שפיל ·

און

מעשה פלאים

און אין דער שטאט וויא דער רב איז גוועזן וויישט מען קיין שום זאך ניט וואס דא טוט זיך · שבת איז גוועזן דאס אויף רופען · און דר פאר שפיל מיט גרוס אויף צוג · און מיט פיל פרייד · דינסטיג שיקט דער אירענדאר אריין פירען נאך דעם רב און דיינים און נאך אלע (יקירא קרתא) פאר געססטע מענטשען · זיי זאגן קומן אויף דעם חתן מאל · דער רב האט דער הערט אז דער בחור איז גיבליבן ביא דעם רענדאר פר איין איידעם · האט ער מיט דער רעביצן מיט דער בת יחידה אן גהובן צו חרושען אז מען הט זייא קאם דער מינטערט · נא · זייא האבן גזעהן אז דיא יונגע לייט האבן זייא דאס אפ גטאן · דער וויל איז ער דאך איין רב · ער האט מיט גנומען דאס ווייב מיט דער בת יחידה · אונ זענין גפארן אין דארף אריין · וויא דער רב איז גקומן זאגט ער צום רונדאר · גלובט מיר אז איר זאלט ביא מיר צו נעמן מיין גאנץ ראבקיים · וואלט איך אייך אזא שונא ניט גוועזן וויא דער פאר וואס איר האט ביא מיר צו גנומען דעם חתן · דער רענדאר שווייגט · אבער אין הארץ איז אים גרוים פרייד · אז ער האט אזא כלי דר טאפט · און דער רב איז אויף זיך אליין ברוגז פר וואס האט ער דעם שבל ניט גטאן · אז ער זאל אים גוועזן בעטן אויף שבת צו זיך וואלט ער זיך גוועזן גישריבן מיט אים תנאים · נאר עס איז שון פאר פאלן · על כל פנים מען האט אן גהובן צו פרבאוועזן דעם חתן מאל · זעצט זיך אנידער דער רב און דיא דיינים · דער חתן הייבט אן זאגן איין דרשה · אז עס הט גיבראכן סוחות · די דיינים

זֶענֶן גיבְּלִיבְּן פַר דוּלְט · זֵייא הָאבְּן שׁוֹן נִיט גְוִויסְט וָוָס
עֶר זָאגְט · נָאר דֶער רָב הָט גִיהַאלְטְן מוּחַ · עֶר הָאט אַזוֹי
אַוֶועק גְזָאגְט אַיין עֶרֶךְ אַפָּאר שָׁעָה · דֶער רָב מִיט דֶעם
ווייב מִיט דֶער בַּת יְהוּדָה זֵייא גֵייעֶן אוֹם פוּן דִיא כּוּח'ת ·
מֶען הָט אָפּ גִיפְּרַאוֶועט דֶעם תְּנָאִים מָאל פְרֵיילִיךְ מִיט דֶער
מָאזִיקֶע · אִין דֶער פְרִיא מֶע פְּרַאוֶועט וַוייטֶער אַסְעוּדָה
אוּף דֶעם הֶעכְסְטֶען אוֹפֶן · זֵייגֶער צְוֵוייא הָאט מֶען גְמַאכְט
דֶעם בַּארֶעקֶענִס · דֶר נָאךְ אִיז דֶער רָב גִיגַאנְגֶען צוּם חָתָן
הָט דֶער חָתָן אָנְגִיהוֹיבֶּען צוּ זָאגִין קַבָּלָה מֵעִנְיָן הַחֲתוּנָה
אַז עֶס הָאט אִים גְפַלַאסְט דָאס פָּנִים ווִי פַייעֶר · עֶר הָט
אַזוֹ אַרַיין גְרֶעט אַז דֶר רָב הָט שׁוֹן נִיט פַר שְׁטַאנֶען · וָוָס
עֶר זָאגְט מֵיין תּוֹרָה וֶוערְט דֶם רָב מֵיין לֶעבֶּר אִין הַארְצֶן ·
אִין קוּרְצֶן מֶע הָט זֵיי גְפִירְט צוּ דֶר חוּפָּה אִיז עֶרְשְׁט דֶר
עוֹלָם פְרֵיילִיךְ גְוָוארְן נָאר אוּף אֵיין אַנְדֶער אוֹפֶן · מֶע הָט
אָפּ גִיפְּרַאוֶועט דִי סְעוּדָה עֶס אִיז גְקוּמֶן צוּ דֶר דְרָשָׁה גִישַׁאנְק
דֶר חָתָן הָט גְזָאגְט זֵייעֶר אַגוּטֶע דְרָשָׁה · בִּקִיצּוּר מֶע הָט
גְפוּרְט חָתָן כַּלָּה בֵּייא לֵייגֶען דֶר חָתָן הָאט זִיךְ אָנְגִיהוֹבֶּן אוּם
טוּעֶן הָט עֶר זִיךְ דֶר מַאנְט אַז דֶר רֶבִּי הַצַּדִיק הָאט אִים
אַרַיינְגִינֵייט אִין דֶר כַּנָּפָה אֵיין קְווִיטִיל אוּנ הָט אִים אָנְגִיזָאגְט
אַז עֶר זָאל פַר דֶר חוּפָּה דָס אַרוֹם נֶעמֶן · אוּן עֶר הָט גָאר
פַר גֶעסִין · עַל כָּל פָּנִים דֶר חָתָן טוּט זִיךְ אִיבֶּערְנֵיים אָן
אוּנ אִיז תֵּיכֶּף אַרַיין גִינַאנְגֶען · דֶר פָּאטֶר מִיט דֶר מִשְׁפָּחָה
הָאבֶּן דָס דֶר זֶעהֶן זֶענֶן זֵיי זֵייעֶר דֶר שְׁרָאקֶן גְוָוארֶן · אוֹי
וָוס בַּאטַייט דָס· דֶר חָתָן אִיז צוּ גִיגַאנְגֶען צוּם רָב אוּן זָאגְט
אִים נֶעמְט מִיט זִיךְ דִי (שׁוֹשְׁבִינִים) אוּנְטֶער פִירֶערְס אוּנ
קוּמְט מִיט מִיר אַרַיין אִין אֵיין בַּאזוּנְדֶר חֶדֶר אִיךְ הָאבּ אַייךְ

מעשה פלאים

עפס צו זאגן · דר רב הט באלד גנומן די אונטר פירערס און זענן אריין גיגאנגן אין איין באזונדר חדר · זאגט דער חתן איר זאלט וויסען אז איך האב עובר גוועזן אוף דעם רעבס און זאג נאר איך בין ניט שולדיג איך האב גאר פר געסן · על כל פנים ווייזט ער זיי די כנפה און זאגט אז דא אין דר כנפה ליגט איין קוויטיל וואס דר רבי הט מיר אליין אריין גיליגט און הט מיר אנגיזאגט אז דר רב פון דעם ארט ווי איך וועל זיין מיט די אונטער פירערס זאלן דאס ארוס נעמן פאר דער חופה · דער רב נעמט דאס פענעמעסירעל און טרענט אוף די כנפה און נעמט ארוס דם קוויטיל · שטייט אין קוויטיל (היתכן שישא איש את אחותו) איז דען רעכט אז איין מענש זאל נעמן זיין שוועסטר דר רב מיט דיא שושבינים קוקען אין קוויטיל אבר זייא ווייסן קיין טייטש ניט וואס ער הט אנגישריבן · דם ווייסט איטליכער מענש אז זינט נאך מתן תורה טאר קיין ברודר ניט נעמן קיין שוועסטר · זיי ווייסן ניט וואס דם באטייט · דר וויל הט גיווערט די קלעריכץ ערך איין פערטיל שעה · דר מחותן הט דר זעהן אז עס גדוערט זייער לאנג הט ער גנומן די קונדער · און איז צו גיגאנגן צו דר טיער און האט אקלאפ גטאן אין דער טיר מען הט אים געעפערט · דער הערט דער פאטר אז עס איז דא עפים איין קוויטיל אין קוויטיל שטייט (היתכן שישא איש את אחותו) און מע קלערט וואס באטייט דאס · רופט זיך אן דר פאטער זאג מיר מיין קינד פון וואנן קומסטו ארוס נאר דעם אמת זאגט דר חתן גלייבט מיר אז איך וויים ניט · נאר דאס גדענק איך אז אנברי ער הט גהייסן איוואן הט מיך ארוס

גנומען

גְנוּמֶן פוּן אֵיין גְרֵיבּ • בַּייא דֶעם אוּן דֶעם שְׂרָרָה אוּנ הָאט
מִיר גִיגֶעבֶּן עֶטְלִיכֶע קֶערְבְּלִיךְ אוּן הָט מִיךְ אַרִיבֶּר גִישְׁטֶעלְט
אִיבֶּר דֶעם גְרֶענִיץ פוּן דֶעם שְׂרָרָה אוּנ מֶע הָאט מִיךְ אַזוֹויא
לַאנְג גְפוּרְט בִּיז צוּם רֶבִּי הַקָדוֹשׁ ר׳ יְחִיאֵל מִיכֶל מְזְלַאטְשׁוּב
אוּן עֶר הָאט מִיךְ גְמַאכְט פַר אֵיין יוּד • דֶער פָאטֶער אִין
מוּטֶר הָאבֶּן דָם דֶר הֶערְט אִיז זַייא אַרַיין גְקוּמֶן אִין שֵׂכֶל •
אֶפְשֶׁר אִיז דָם זַייעֶר קִינְד וָואס זַייא הָאבֶּן פַר גֶעסְן אִין
גְרוּבּ • רוּפְט זִיךְ אָן דֶער פָאטֶר מֵיין קִינְד דוּא גְדֶענְקְסְט
נָאךְ דָם דָארְף פוּן דֶעם שְׂרָרָה • זָאגְט עֶר יוֹא • גְדֶענְקְסְט
דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים פוּן דָארְף זָאגְט עֶר יוֹא • הָט דֶר רֶענְדַאר
אָן גְהוֹבֶּן אוֹם צוּ רֶעכִינֶען דִיא נֶעמֶן פוּן דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים •
אוּן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת אִיוַואן אוּנ זָאגְט אֵיין סִימָן עֶר אִיז
אֵיין בֶּעזְרִיטְנִיק • אוּנ רֶעכִינְט אִים דֶעם דָאקַאשֶׁען דֶעם
שְׁלֶעכְטֶן • דֶר חָתָן הָט דָאס גְהֶערְט אוּן שְׁוַוייגְט • דֶער
פָאטֶר אוּנ מוּטֶר זֶענֶן אִים אַרוּף גְפַאלֶן אוֹיף דֶעם הַאלְדְז
אוּן הָאבֶּן אָן גְהוֹבֶּען צוּ קוּשֶׁען • דוּא בִּיסְט אוּנְזֶער זוּן •
בְּקִיצוּר זַייא הָאבֶּן זִיךְ צוּ רֶעט • דֶער חָתָן זָאגְט דֶעם
סִימָן • דִיא פָאטֶר אוּן מוּטֶר זָאגֶן דֶעם סִימָן • דֶער אֶמֶת
אִיז אַז עֶר אִיז זַייעֶר קִינְד • הַיינְט אִיז דֶער רֶענְדַאר שׁוֹין
זַיין פָאטֶר • אוּן דִיא קְדוּשִׁין זֶענִין בְּטָעוּת • זֶענִין זַייא נִיט
חַל • דֶער רַב הָאט דָם דֶער הֶערְט • זָאגְט עֶר צוּ דֶעם
פָאטֶר • נָא הַיינְט נֶעמְט מִיךְ פַאר אֵיין מְחוּתָּן אַז הַשי״ת
הָאט גְהָאלְפֶן אַז הַצַדִיק הַקָדוֹשׁ הָאט פַאר הִיט אַז עֶר
זָאל נִיט נִכְשַׁל וֶוערֶן אִין עֲבֵירָה כָּזוּ • אִיךְ גִיבּ אַייךְ דֶעם
נַדַן וָואס אִיר הָאט צוּ גְזָאגְט אִים • אוּן לָאמֶער שְׁטֶעלִין
אִיבֶּר נַאיֶיעם אַחוּפָּה כְּשֵׁירָה לְמַזָל טוֹב • דִיא פָאטֶר אוּן

מוּטֶר

מעשה פלאים

מוּטֶר הָאבֶּן נוּט פִיל גִיטְרַאכְט אוּן מַזָל טוֹב אוּן מֶען הָט גִישְׁטֶעלְט אֵיין חוּפָּה מִיט רֶעם רָבְס בַּת יְחִידָה אוּן זֵייא זַיי זֶענֶן גִוֶעֶן נְגִידִים בִּיז צַייט זֵייֶער לֶעבֶּן · הַשִׁי״ת זָאל אוּף אוּנְז רַחֲמָנוּת הָאבֶּן אוּן זָאל תָּמִיד אָפּ הִיטֶען אַז מִיר זָאל חָלִילָה נִיט נִכְשַׁל וֶוערֶן אִין קֵיין שׁוּם עֲבֵירָה · וּבִזְכוּת זֶה וֶועט אוּף אוּנְז דֶער רוּסִישֶׁער קֵיסָר יר״ה אוּנ אַלֶע זַיינֶע שָׂרֵי מְלוּכָה גוּטֶע הֶערְצֶר הָאבֶּן · אוּנ זָאלֶן אוּנְז גוּטְץ טָאן עַד בִּיאַת גוֹאֵל צֶדֶק בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן סֶלָה :

ענדע

זה ספר

תּוֹלְדוֹת ר׳ אָדָם
בַּעַל שֵׁם טוֹב

בּוֹ יְבוֹאַר • אִין דֶער מַעֲשֶׂה וֶוערְט דֶער צֵיילְט
דִיא גְרוֹסֶע אוּנ שְׁרֶעקְלִיכֶע וְוינְדֶער • וָואס
הַצַּדִיק הַקָדוֹשׁ אִישׁ אֱלוֹ״ק ר׳ אָדָם בַעַשׁ״ט
הָאט גְטָאן • נָאךְ בְּעֵת אַז עֶר אִיז אַלְט
גְוֶועןְ בַּייא זֶעקְס זִיבֶּען יָאר • אוּנ קוֹדֶם
פְּטִירָתוֹ הָאט עֶר אָן גְזָאגְט • אַז מֶען זָאל
מוֹסֵר זַיין זַיינֶע כְּתָבִים צוּ הַקָדוֹשׁ הַמְקוּבָּל
ר׳ יִשְׂרָאֵל בעש״ט • וָואס עֶר אִיז אוֹיף דֶער
עֶלְטֶער גְוֶועסֶען אִין מֶעזִיבּוּז • אוּנ זַייעֶרֶע
בֵּייֶדֶע זְכוּת זָאל אוֹיף אוּנְז מֵגִין זַיין תָּמִיד
אוּנ אוֹיף אַלֶע יְהוּדִים אוּן דֶער גוֹאֵל צֶדֶק
זָאל צוּ אוּנְז קוּמֶען בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן סֶלָה :

ווארשא

בדפוס ר׳ גרשון ור׳ פסח לעבענזאהן נ״י

SIEDM HISTORYI
napisał Mendel Rajzenzaft.

w Warszawie 1865
w Drukarni P, Lebensona

Wolno drukować z warunkeim złożenia w Komitecie Cenzury, po wydrukowaniu prawem przepisanéj liczby eksemplarzy.

Warszawa dnia 19 (31) Stycznia 1865.

p. o. Cenzora B. CYMERMAN

וַיְהִי עֶס אִיז גְוֶועֶן אַמָאל אֵיין רָב אוּן זַיין נָאמֶן הָט גְהֵייסֶן
ר׳ מֵאִיר עֶר אִיז גְוֶועֶן אַגְרוֹסֶער צַדִיק · עֶר אִיז שׁוֹן
אַלְט גְוֶועֶן קָרוֹב זֶעכְצִיג יָאר אוּנ דָס וַוייבּ אִיז אַלְט גְוֶועֶן
קָרוֹב פוּפְצִיג יָאר אוּנ זֵיי הָאבֶּן קֵיין שׁוּם קוּנְד נִיט גְהַאט ·
אַמָאל אִיז דִיא רֶעבִּיצֶן צוּ נוֹיף גְקוּמֶן מִיט וַוייבֶּר · אוּנ
הָאבֶּן אָנְגְיהוֹבֶּען מִיט אִיר צוּ רֵייזֶן זָאגֶן דִי וַוייבֶּר צוּ דֶר
רֶעבִּיצֶען · אַז הַשי״ת הָאט אַייך גִיגֶעבֶּן אֵיין מַאן אַזַא
צַדִיק פַּאר וָואס זָאלְט אִיר נִיט זֶעהֶן אַז אִיר זָאלְט פוּן אִים
הָאבֶּן אַיין קוּנְד · וּבִפְרַט אִיר זֶעהֶט דָאךְ אַז מֶענְשֶׁן פָּארֶן
צוּ אִים וֶועגֶן קוּנְדֶר אַז דוֹרְךְ זַיינֶע תְּפִילוֹת וֶוערֶן זֵייא
גְהָאלְפֶן פוּן גָאט אוּן הָאבֶּן קִינְדֶער · זָאגְט זִיא זֵייא מַן
הַסְתַּם אַז עֶס הַארְט אִים נִיט דַארְף מִיךְ אוֹךְ נִיט הַארֶן ·
זָאגֶן דִי וַוייבֶּר עֶר אִיז אֵיין גְרוֹסֶער צַדִיק וֶועט אִים זַיין
גוּט בָּעוֹלָם הַבָּא תָאמְשֶׁע אָן אֵיין זִין · אָבֶּער אִיר דַארְפְט
בְּוַדַאי זֶעהֶן אַז אִיר זָאלְט הָאבֶּן אֵיין זִין וּבִפְרַט פוּן אַזַא
צַדִיק · בְּקִיצוּר זִיא אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ אִיר מַאן ר׳ מֵאִיר
זללה״ה · אוּנ זָאגְט צוּ אִים אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט נִיט
פַּאר אִיבֶּעל הָאבִּין מַיין בַּקָשָׁה אִיז פוּן אַייךְ · אִיךְ ווִיל
הָאבֶּן אֵיין זִין פוּן אַייךְ · הָאט עֶר זִיא מַרְחֶה גְוֶועֶן מִיט
רֵייד · אַז עֶס אִיז בַּייא אִיר גִיבְּלִיבֶּן אִין הַארְץ אַז זִיא
בַּדַארְף נִיט קֵיין קוּנְדֶער ׃

וּלְיָמִים אִין אֵיין צַייט אַרוּם זֶענֶן זִיךְ ווִידֶר צוּ נוֹיף גְקוּמֶן
דִי וַוייבֶּער מִיט דֶער רֶעבִּיצֶן · פְרֶעגֶן דִי וַוייבֶּר
דִי רֶעבִּיצֶן נָא · וָוס הָט אַייעֶר צַדִיק אַייךְ גֶעֶנְפֶּערְט עֶנְפֶרֶט
זִיא עֶר הָט מִיר גִידְרִינְגֶען מִיט רַאֲיוֹת אַז אִיךְ דַארְף נִיט

קיין

מעשה נפלאה

קֵיין קִינְדֶער · זָאגֶן דִי וַוייבֶּער אֵיי · אֵיי · וִוי אַזוֹ מֶע קָאן אֵיין יוּדֶענֶע אֵיין רֵייבֶן · אִיז דֶען גְלַייךְ דֶר מֶענְשׁ וָוס עֶר קוּמְט אַהִין מִיט קִינְדֶער צוּא דֶעם מֶענְשׁ וָואס עֶר קוּמְט אַהִין חַס וְשָׁלוֹם אָן קִינְדֶער · אוּנְזֶער עֵצָה אִיז בְּווַדַאי פוּן אַייעֶר טוֹבָה וֶועגֶן אוּן אִיר בַּאהַלְטְ זִיךְ אֵיין שְׁפַּארֶען אַז נִיט אַנְדֶערְשׁ נָאר אִיר זָאלְט הָאבֶּן אֵיין קִינְד · אִין קוּרְצֶען זִיא אִיז נָאךְ אַמָאל גִינַאנְגֶען צוּ אִיר מַאן · אוּנ זָאגְט ר׳ מֵאִיר עֶס אִיז נִיט אַנְדֶערְשׁ אִיךְ וִויל פוּן אַייךְ אֵיין קִינְד · זָאגְט ר׳ מֵאִיר אִיךְ זָאג אַייךְ בֶּאֱמֶת אוּב אִיר ווילְט אֵיין קִינְד הָאט אִיר גְפוּלְט נָאר אִיךְ וֶועל מוּזֶען שְׁטַארְבֶּן · דִיא רֶעבִּיצֶען הָאט דֶער הֶערְט אַז זִיא וֶועט הָאבֶּן אֵיין קִינְד וֶועט עֶר שְׁטַארְבֶּן · אִיז זִיא אַוֶועק גִינַאנְגֶן אוּן הָאט שׁוֹן מֶער נִיט גְרֶעט · אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג אַרוּם זֶענֶן דִי וַוייבֶּער וִוידֶער גְקוּמֶן צוּ דֶער רֶעבִּיצֶן אוּנ פְרֶעגֶן זִיא נָא · וִוי הַאלְט אִיר עֶנְטְפֶערְט דִיא רֶעבִּיצֶן אַזוֹ אוּנ אַזוֹ הָאט עֶר מִיר גְזָאגְט · דִיא וַוייבֶּר הָאבֶּן זִיךְ זֵייעֶר צוּ לַאכְט וָואס רֶעט אִיר · הַיִתָּכֵן אַז עֶר וֶועט אַייךְ קָאנֶן גֶעבֶּן אֵיין קִינְד וֶועט עֶר נִיט קָאנֶן אוּם בֶּעטֶן בַּיי גָאט אַז עֶר זָאל נִיט שְׁטַארְבֶּן · אַחִידוּשׁ אַז אִיר זָאלְט זִיךְ לָאזֶן אֵיין רֵיידֶען אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקֵייט · זֵיי הָאבֶּן אַזוֹ לַאנְג גִירֶעט בִּיז זֵי אִיז גִיגַאנְגֶען צוּם מַאן ר׳ מֵאִיר אוּנ זָאגְט אִים אֵיךְ שֶׁיִהְיֶה וִוי אַזוֹ עֶס וֶועט שׁוֹן זַיין אִיךְ וִויל אֵיין קִינְד · ר׳ מֵאִיר מַחֲמַת זַיין גְרוֹיס צִדְקַת זָאגְט עֶר צוּ אִיר נָא אִיר הָאט גְפוּלְט · זִיא אִיז גִיגַאנְגֶן מְבִילָה הָאבִּין · אוּן אִיז צוּ מַזָל מְעוּבֶּרֶת גְוָוארֶן זִי הָט גִיטְרָאגֶן אַכְט חֳדָשִׁים אוּן אַז עֶס הָט אַרַיין גְטְרֶעטִין אֵיין טָאג אִין נַיינְטֶען חוֹדֶשׁ אִיז הַצַדִיק ר׳ מֵאִיר שְׁלַאף גְוָוארֶן הָאט שׁוֹן דִי רֶעבִּיצֶען פַר שְׁטַאנֶן

אז

אַז עֶר הָאט אֶמֶת גִיזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל הָאבֶּן אֵיין קִינְד מוּז עֶר שְׁטַארְבֶּן • אִין קִירְצֶען עֶר הָאט גְשִׁיקְט צוּ נוֹיף רוּפֶען דִי חֶבְרָא קַדִישָׁא אוּן גַאנְץ קָהָל אוּנ אַלֶע לוֹמְדִים פוּן דֶר שְׁטָאט אוּנ הָאט זֵיי אַזוֹ גְזָאגְט אִיר זָאלְט וִויסֶן אַז אִיךְ מוּז שְׁטַארְבֶּן נָאר אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט מִיר צוּ לִיבּ טָאן • אַזוֹ וִויא מַיין וַוייבּ בְּלַייבְּט אִיבֶּער מְעוּבֶּרֶת אוּן גָאט וֶועט אִיר הֶעלְפֶן אַז זִי וֶועט צוּ מַזָל אִיבֶּר קוּמֶן • עַל כֵּן זָאלְט אִיר מִיר מַבְטִיחַ זַיין אַז דִיא זַאלָאוַואנֶע (שְׁכִירוּת) וָואס אִיךְ הָאבּ בַּיי אַייךְ גְנוּמֶן אֵיין וָואךְ זָאלְט אִיר אוֹךְ גֶעבֶּן יֶעדֶערֶע וָואךְ • אַחוּץ זָאלְט אִיר זֶעהֶן אַז זִי זָאל הָאבֶּן אֵיין גוּטֶען קוּנְדְבֶּעט אוּן מַאכֶן אֵיין שֵׁיינֶעם בְּרִית • עֶר אִיז אָפּ גְלֶעגְן דְרַייא טָאג • אוּנ אִיז (נִסְתַּלֵק) גְוָוארֶן • דִיא רֶעבִּיצֶן הָט זֵייעֶר שְׁטַארְק גְוֵויינְט אִין הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק חֲרָטָה גִיהַאט וָואס זִיא הָט זִיךְ גִישְׁפַּארְט אַז זִיא זָאל הָאבִּין אֵיין קִינְד • גָאט וֵוייסְט וָוס דָאס קִינְד וֶועט זַיין • דֶר וַוייל הָאט זִיא אָנְגִיוָוארֶן אַזַא צַדִיק • נָאר דִי זַאךְ אִיז זִיךְ שׁוֹין פַר פַאלֶן • עַל כָּל פָּנִים מֶע הָט אִים גְטָאן זַיין רֶעכְט • אַזוֹ וִויא דֶעם צַדִיק אִיז אָן גִישְׁפַּאנְן אוּנ מֶע הָאט אִים מְקַבֵר גְוֶועןְ • דֶער גַבָּאי צְדָקָה גִיט אַלֶע וָואךְ דֶער רֶעבִּיצֶען אִירֶע שְׂכוּרוֹת אַזוֹ וִויא בַּייא דֶעם צַדִיקְס לֶעבֶּען :

וּלְתִשְׁעָה יְרָחִים אִין צוּם סוֹף נַיין חֳדָשִׁים אִיז דִיא רֶעבִּיצֶן צוּ מַזָל גְלֶעגְן גְוָוארֶן אוּנ הָאט גְהַאט אֵיין בֶּן זָכָר דֶער גַבָּאי צְדָקָה הָאט אָן גְהוֹבֶּן אַרַיין טְרָאגֶן פוּן אַלְדַאס גוּטְץ מִיט גְרוֹס פְרֵייד. אַז זֵיי הָאבֶּען דֶער לֶעבְּט פוּן הַצַדִיק ר׳ מֵאִיר אֵיין זִין • אוּלַי וֶועט זֵייא

מעשה נפלאה

גָאט הֶעלְפְן אַז דֶר זִין וֶועט זַיין אֵיין צַדִיק • וֶועקֶן זַייא הָאבֶּן זַייעֶר מַגִין הֶעִיר אוּנ וֶועגֶן זַיין זְכוּת אוּנ דֶם פָּאטֶרְם זְכוּת וָועט זַיי אִין דֶער גַאנְצֶר שְׁטָאט זַיין גוּט (בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת)• אוּנ וָואס דִיא רֶעבִּיצֶען הָאט פַאר לַאנְגְט אֵיין גַאנְצֶע וָואךְ • הָאט מֶען אִיר גִיגֶעבֶּן מִיט אַלֶע פַּר גְנוּגֶן • גָאט הָאט גְהָאלְפְן עֶס אִיז גְקוּמֶן דִי וַואךְ נַאכְט וָוס מָארְגֶן דַארְף זַיין דֶער בְּרִית • הָאט דֶער גַבְּאַי צְדָקָה מִיט דֶעם בַּאפֶעל פוּן דִי גְרֶעסְטֶע פוּן דֶר שְׁטָאט גִימַאכְט אֵיין קְרִיאַת שְׁמַע לֵייעֶנֶן אוּנ אֵיין סְעוּדָה וֶועגֶן אַלֶע לוֹמְדִים פוּן שְׁטָאט אַז מֶען זָאל בַּייא ר׳ מֵאִירְס זִין זִיצֶען אֵיין גַאנְצֶע נַאכְט אוּן לֶערְנֶען• אַזוֹ אִיז גְוֶועֶן • (בְּאֶמְצַע הַסְעוּדָה) אִין מִיטֶען דֶר סְעוּדָה הָט דֶער גַבְּאַי צְדָקָה אָן גְהֵייבֶּען צוּ טֵיילִין דִיא כִּבּוּדִים • צוּ אַלֶע פָארְנֶעמְסְטֶע • וֶועדְלוּג ר׳ מֵאִירֶן אִיז אָנְגִישְׁטַאנֶן• אֵיין נָאמֶן בְּלַייבְּט אַז מֶע זָאל אִים רוּפֶן מֵאִיר• אוּן עֶר וֶועט הֵייסֶן מֵאִיר בֶּן מֵאִיר • נָאךְ הַאלְבֶּע נַאכְט הָט מֶען גְבֶּענְשְׁט • דִי גְרֶעסְטֶע פַאר גֶעמְסְטֶע זֶענֶן אַהֵיים גִיגַאנְגֶען זִיךְ אָפּ רוּהֶען • וַוייל זַייא הָאבֶּן מָארְגֶן פַאר זִיךְ אֵיין בְּרִית • פַאר טָאג קוּמְט ר׳ מֵאִיר הַצַדִיק צוּ חָלוּם צוּ דֶער רֶעבִּיצֶען אוּנ זָאגְט אִיר אַזוֹ וִויא דָא אִיז גִיבְּלִיבֶּן אַז מֶע זָאל מַיין קוּנְד אֵיין נָאמֶן גֶעבְּן ר׳ מֵאִיר זָאג אִיךְ דִיר אָן הִזָהֵר וְהִזָהֵר אַז דוּ זָאלְסְט זַיי נִיט הֶערִין אוּן זָאלְסְט אִים הֵייסֶן אֵיין נָאמֶן גֶעבֶּן אָדָם בֶּן מֵאִיר • דִיא רֶעבִּיצֶען חַאפְּט זִיךְ אוּף אִין דֶר פְרִיא אוּן שִׁיקְט רוּפֶען דֶער גַבְּאַי צְדָקָה אוּנ דֶער צֵיילְט אִים וָוס ר׳ מֵאִיר הָט גְשַׁאפְט וִוי אַזוֹ מֶע זָאל אִים אֵיין נָאמֶען גֶעבֶּן • דֶער גַבְּאַי צְדָקָה גֵייט אַוֶועק אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן דֶער צֵיילְט פַר אַלֶע לַייט אַז

ר׳

ר׳ מֵאִיר אִיז גְקוּמֶן בַּייא נַאכְט אוּן הָאט אָן גְזָאגְט אַז מֶע זָאל אִים אֵיין נָאמֶן גֶעבֶּן אָדָם בֶּן מֵאִיר • דֶער עוֹלָם הָט דָס דֶר הֶערְט דִי מַעֲשֶׂה זֶענֶן זֵיי גְוָוארֶן אִין גְרוֹס שִׂמְחָה • אַז הַצַּדִּיק ר׳ מֵאִיר אִיז אוֹיף אִים אֵיין מַשְׁגִּיחַ • אִיז אֵיין סִימָן אַז עֶר וֶועט זַיין אֵיין צַדִּיק אַזוֹ וִוי דֶער טַאטֶע• אִין קוּרְצֶען דֶער גַּבַּאי צְדָקָה הָט זִיךְ אוֹיסְפְּרַאוֶועט אִין הָט זִיךְ מֵכִין גְוֶוען מִיט דֶעם בְּרִית אוּנ מִיט דֶר סְעוּדָה אוֹיף דֶעם שֶׁענְסְטֶען אוֹפֶן • דֶער נָאךְ הָט מֶען גִיבְּרַאכְט דָס קִינְד אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אַרַיין צוּם יוּדִישֶׁען • אוּנ מֶ׳ע הָט אִים אֵיין נָאמֶען גִיגֶעבֶּען אָדָם בֶּן מֵאִיר • דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט אִיז גִיגַאנְגֶען אָפּ גֶעבֶּן מַזָּל טוֹב דֶער רֶעבִּיצֶען • דִיא סְעוּדָה אִיז גְוֶוען גַאנְץ שֵׁיין • צוּ דֶעם טָאג פוּן שְׁלִישִׁי לְמִילָה הָט דֶר גַבַּאי צְדָקָה גְמַאכְט ווִידֶער אֵיין סְעוּדָה פוּן גִיקְלִיבֶּענֶע מֶענְשֶׁן וֶוענֶן • אוּנ מֶ׳ע אִיז אַלֶע פְרֵיילֶךְ גְוֶוען אַז זֵיי הָאבֶּן דֶר לֶעבְּט צוּ זֶעהֶן אֵיין זִין פוּן ר׳ מֵאִיר • אוּן פַאר הָאפִין אַז דָס קִינְד וֶועט זַיין אֵיין צַדִּיק אַזוֹ וִויא דֶר פָּאטֶר • עֶס אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אֵיין צַייט פוּן אֵיין יָאר • מֶען גִיט דֶר רֶעבִּיצֶען אִיר הַסְפָּקָה אַזוֹ וִויא ר׳ מֵאִיר הָאט גְלֶעבְּט • מֶע קוּקְט אוֹיף דֶעם קִינְד דָס קִינְד אִיז זֵייעֶר שֵׁיין • אוּן צוּם יָאר הָט עֶר אָנְגִיהוֹבֶּן צוּ גֵיין אוֹךְ צוּ רֵיידֶען • דִיא שְׁטָאט לַייט דֶר קְווִיקִין זִיךְ מִיט דֶעם קִינְד וִויא מִיט דֶם בֶּעסְטֶן דֶר קְווִיקִינִישׁ פוּן אַפְּטֵייק • דָאס קִינְד אִיז אַלְט גְוָוארֶן צְווֵייא יָאר עֶר אִיז מִיט גַאנְצֶן שֵׂכֶל וִוי אֵיין אַלְטֶער מֶענְשׁ • אוּנ הָט חִיתּוּךְ הַדִּבּוּר אוֹךְ וִוי אֵיין גְרוֹסֶר מֶענְטְשׁ ווִי מֶע זֶעהֶט גֵייט אָדָם מִיט אֵיין שְׁטֶעקְעלֶע אַזוֹ גְרוֹס וִוי עֶר אוּנ דָאס שְׁטֶעקְעלֶע אִיז בַּייא אִים טַייעֶרֶער וִוי דָאס

שווארצע

מעשה נפלאה

שְׁווַארְצֶע אַפֶּעל פון אוג ווי עֶר גֵייט אונ ווי עֶר שְׁטֵייט
איז אַלֶץ מִיט דֶעם שְׁטֶעקְעלֶע · אוֹךְ עֶר עֶסְט און שְׁלָאפְט
אַלֶץ מִיט דֶעם שְׁטֶעקְעלֶע אונ אַז עֶס בְּלַייבְּט נִיט אִיז אַיין
גְוואַלְד מֶע מוז דָס שְׁטֶעקְעלֶע בַּאלְד גְפוּנֶען · עֶר וַואקְסְט
אונ דָס שְׁטֶעקְעלֶע וַואקְסְט אוֹךְ · עֶר אִיז אַלְט גְוָוארֶן דְרַיי
יָאר הָאבֶּן דִי שְׁפָּאס לַייט אָנְגִיהוֹבֶּן זָאגֶן דֶעם גַבַּאי צְדָקָה
אַז עֶר זָאל זָאגֶן דֶער רֶעבִּיצֶען אַז זִיא זָאל אִים אָפּ גֶעבֶּן
אִין אַיין חֶדֶר · חָאטְשֶׁע זִיא הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גִיהַאט מֶען
זָאל אִים חָלִילָה נִיט גֶעבֶּן קֵיין גוּט אוג · אַף עַל פִּי כֵּן
ווייל דִי גְרוֹשֶׁע לַייט ווִילִין אָבֶּר · אִיז זִיא גִיגַאנְגֶען אַלֵיין
צוּם דֶרְהֶעקְען מְלַמֵד אוּן הָאט אִים גְבֶּעטֶן אַז עֶר זָאל אִים
נֶעמֶן אִין חֶדֶר אַרַיין אונ זָאל אוֹף אִים נִיט וַוארְפֶן קֵיין פַּחַד
אוֹךְ נִיט קֵיין עוֹל אִין לֶערְנֶען נָאר אַז עֶר וֶועט וֶועלֶן אַלֵיין
גֵיין צוּם טִישׁ · זָאל עֶר אִים וַויזֶען אַיין אַלֶף · אַזוֹ אִיז
גְוֶועזֶען עֶר פְּרֶעגְט אִים בֶּעטֶן אָדָם ווילְסְט לֶערְנֶען אַיין אַלֶף
זָאגְט עֶר יוֹא · דֶער מְלַמֵד וַוייזְט אִים אַיין אַלֶף עֶר קָאן זִי
שׁוֹן · מָארְגֶען וַוייזְט עֶר אִים דִיא אַלֶף וָואס אִיז דָאס זָאגְט
עֶר אַיין אַלֶף · עֶר וַוייזְט אִים אַיין בֵּית עֶר קָאן זִי שׁוֹן פַּר
אַיין בֵּית · אִין קוּרְצֶען אִין דִי עֶרְשְׁטֶע אַכְט טָאג קָאן עֶר
דֶעם גַאנְצֶן א״ב · דִיא מוּטֶער הָט מוֹרָא גְהַאט פַאר אַיין
גוּט אוג הָט זִיא אִים נִיט גְהֵייסֶן אַכְט טָאג גֵיין אִין חֶדֶר
אַרַיין אוֹף דֶער אַנְדֶערֶע וָואךְ אָדָם גֵייט אִין חֶדֶר אַרַיין דֶר
מְלַמֵד טוּט אַיין פְּרִיב דָאס קִינְד טָאמֶער הָט עֶר שׁוֹן פַאר
גֶעסִין דֶעם א״ב עֶר קָאן אִים אָבֶּר זֵייעֶר גוּט · הָט דֶער
מְלַמֵד אָן גְהוֹבֶּן אִים וַויזֶען דִי נְקוּדוֹת · אַזוֹ ווִי עֶר הָאט
אִים צוּם עֶרְשְׁטֶן מָאל גְווִיזִין אַזוֹ בְּלַייבְּט בַּיי דֶעם קִינְד

אִין

אין מוח · אין דיא אכט טאג האט ער שון גקאנט אלע
נקודות · די מיטר געמט אים וויטער אפ אונ לאזט אים
ניט גיין אין חדר · מחמת מורא מע זאל אים חלילה ניט
געבן קיין גוט אוג · דער נאך גייט ער ווייטער אין חדר ·
אין קורצן ער איז דעם זמן ארום מיט עברי וואס אין שטאט
הט זיך ניט געפונען אזו איין אלטער מענש זאל אזו עברי
זאגן וויא ער · אונ דאס לערנן איז אויך גוועזן מיט דעם
שטעקילע אין דער האנט · אוף דעם אנדערן זמן ער
הייבט אן חומש · דער גבאי צדקה מאכט איין סעודה
(כסעודת שלמה בשעתו) אזו וויא שלמה המלך ע"ה הט
גמאכט אסעודה אין דער צייט אז ער איז גווארן אמלך
ישראל · אונ דאס איז אלץ מיט דם באפעל פון דר שטאט
גוועזן · ער איז דעם זמן איבר גגאנגען חומש מיט חיבור
אונ רש"י · אוף דעם פערדען יאר · ער הייבט אן גמרא
צו מזל · דער מלמד לערינט מיט אים דאס שטיקעל
גמרא · אבר ער זאגט עס שענער פון דעם מלמד מיט
גרוס חשק אונ מיט גרוס שכל · אונ דער מלמד איז גוועזן
איין ערבוביא מלמד עס איז נאך ניט אוס גיגאנגן דער
זמן · הט דער מלמד אן גהובן צו זאגן אז ער קאן שוין
מיט אים ניט לערנן · ער דארף האבן איין גרעסערן מלמד
ער האט שון דעם זמן דער צווייען · אוף דעם אנדרן זמן
גיט מען אים שון אפ צו הלכה תוספות מלמד · דר מלמד
לערינט מיט אים · ער קוועלט פון אים ווארום ער שארפט
דעם מלמד מיט זיינע קשיות אויך מיט זיינע תירוצים פון זיין
מוח · בקיצור עס איז גקומען צו זעקס יאר ער איז שוין
איין למדן מופלג אז פון זיינעט וועגן איז שוין מדינה

ארום

מעשה נפלאה

אַרום גִישְׁטָא קיין מְלַמֵד · דיא שְׁטָאט לַייט וָוענֶן פִיל מִיט שִׂמְחָה אוֹךְ מִיט פְרֵייד זֵיי וָועהֶן אַז דָאס וַואקְסְט דֵיינֶקְען גָאט אֵיין גָאוֹן אַזוֹ ווִי אֵיינֶר פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע גְאוֹנִים · דִי שְׁטָאט לַייט הָאבֶּן גִיטְרַאכְט אֵיין עֵצָה ווִיא גֶעמְט מֶען זַיינֶעט וֶוענֶן אֵיין מְלַמֵד · אִיז גִיבְּלִיבֶּן אַז מֶע זָאל שִׁיקִין אִין אֵיין גְרוֹסֶע שְׁטָאט (חוּץ לִמְדִינָה) אוּנ מֶע זָאל אִים צוּ זָאגֶן שְׂכִירוּת אֵיין סַךְ · רַב · בִּכְדֵי עֶר זָאל קֹמֶן אַהֶער אוּן זָאל מִיט אִים לֶערְנֶן · הָאבֶּן זִיךְ גְפוּנֶן עֶטְלִיכֶע נְגִידִים וֶועלְכֶע זֵיי הָאבֶּן גִיהַאט זִין אֵיירֶעמֶם זֵיי הָאבֶּן זִיךְ צוּ נוֹף גִילֵייגְט דָם גֶעלְד אוּנ הָאבֶּן אַוֶועק גְשִׁיקְט נָאךְ אֵיין מְלַמֵד נָאר בְּאוֹפֶן אָדָם זָאל אוֹךְ לֶערְנֶן מִיט זֵיי חָאטְשֶׁע זֵיי זֶעֶנֶן גְוֶועֶן שׁוֹן אוּם גִיגֶעבֶּענֶע מִיט וַוייבֶּער · נָאר עֶס אִיז בַּייא זֵיי גְוֶועֶן אַמַעְלָה אַז אָדָם פוּן זֶעקְס יָאר וֶועט מִיט זֵייא לֶערְנֶן · וָוארוּם אָדָם הָט אֵיין סַךְ בֶּעסֶר גִיקָאנְט פוּן זֵיי · דֶער מְלַמֵד אִיז אָן גְקוּמֶן עֶר גֶעמְט זִיךְ מִיט דִי תַּלְמִידִים לֶערְנֶן אוּנ מִיט אָדָם אוֹךְ עֶר גִיט זֵיי לַיינֶענְס · אָדָם קָאן בֶּעסֶר דָאס לֵיינֶען פוּן זֵיי · אִין יֶענֶע צַייטֶען אִיז גְוֶועֶן אַז דֶר מְלַמֵד הָט קיין מוֹרָא נִיט גְהַאט פַר קֵיינֶעם · אַבִיא עֶר הָאט נִיט גְקָאנְט דָם לֵיינֶען הָט עֶר זֵיי גִישְׁלָאגֶען · חָאטְשֶׁע עֶר אִיז שׁוֹן גְוֶועֶן אֵיין גְרוֹסֶער · אַז אָדָם הָאט גְזָאנְט דָם לֵייעֶנֶן אוּן הָאט יוֹא גְקָאנְט אוּן דִיא יוּנְגֶע לַייט הָאבֶּן נִיט גְקֶענְט הָאט זֵיי דֶר מְלַמֵד גִישְׁלָאגֶן אָן רַחֲמָנוּת · אַזוֹ אִיז גְוֶועֶן אַלֶע טָאג אוּנ דֶער מְלַמֵד פְלֶעגְט זֵייא בְּשַׁעַת שְׁלָאגֶן שְׁטְרָאפֶן · אוּנ הָט זֵיי גְזָאגְט קוּקְט אַלֵיין דָם יוּנְגֶעלֶע אִיז אֵיין אָרוּמְס וָוס מֶע גִיט נִיט פוּן דֶער שְׁטָאט הָט עֶר נִיט אוּנ קָאן אַזוֹ גוּט דָאס לֵיינֶען · אוּן אִיר לֶעבְּט אוּן

האט

הָט אַלְדָאס גוּטְץ אוּנ צוּם סוֹף זָאלְט אִיר נִיט קָאנֶן · דְרוּם
פְלֶעגְט זַיי דֶער מְלַמֵד אַלֶע טָאג שְׁלָאגֶן · דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן
אָן גְהוֹבֶּן בַּאטְרַאכְטֶן וָואס טוּט מֶען מִיט דֶעם אָדָם דוֹרְךְ
אִים שְׁלָאגְט מֶע אוּנְז אַלֶע טָאג · אִיז גִיבְּלִיבֶּן בַּיי זַיי אַזוֹ זַיי
הָאבֶּן גְבֶּעטֶן אָדָם אַז עֶר זָאל זַיי אוֹם זָאגֶן דִי לֵיינֶענְס אוּנ
דֶער פַאר וֶועלֶן זַיי אִים גֶעבֶּן אַלֶע טָאג אִיטְלִיכֶר בַּאזוּנְדֶר
צוּ גְרָאשֶׁן · אָדָם הָט גְנוּמֶן דִיא גְרָאשִׁינְס אוּנ הָט זַיי אוֹם
גְזָאגְט דִי לֵיינֶענְס אוּן זַיי הָאבֶּן זַייעֶר גוּט גְקָאנְט דֶר מְלַמֵד
הָט גִיקְוֶועלְט · אָט אַזוֹ זָאגְט דֶער מְלַמֵד הַיינְט הָאבּ אִיךְ
אַייךְ לִיבּ · אִיז אָבֶּר אַמָאל אוֹם גְקוּמֶן אַז אָדָם אִיז נִיט
גְקוּמֶן אַיין טָאג אִין חֶדֶר הָט מֶען זַיי גִיקַאלִיטְשֶׁעט אִיבֶּער
דִיא לֵיינֶענְס · אִיז אָדָם גְקוּמֶן אִין חֶדֶר הָאט עֶר גְנוּמֶען
גְרָאשִׁינְס אוּן זַיי הָאבֶּן גִיקָאנְט דָס לֵייעֶנֶן אַזוֹ אִיז גְוֶועֶן
אַיין גַאנְצֶער זְמַן · עֶס אִיז גְקוּמֶן אוֹף דֶעם אַנְדֶערֶן זְמַן
הָאט מֶען וַוייטֶער בַּארִינְגֶען דֶעם מְלַמֵד · אוּן אָדָם זָאל
אוֹךְ לֶערְנֶן · פְלֶעגְט זַיין אַז אָדָם אִיז גִיגַאנְגֶען אַהֵיים
וַוארִימֶעס אִיז עֶר נִיט גִיבְּלִיבֶּן אוֹיף צְוַויי שָׁעָה מֶע הָט נִיט
גְוִויסְט וִויא עֶר אִיז · אַז עֶר אִיז גְקוּמֶען אִין חֶדֶר פְרֶעגְט
דֶר מְלַמֵד בַּייא אִים אָדָם וִוי בִּיסְטוּ גְוֶועֶן עֶנְפֶערְט עֶר דִי
מַאמֶע אִיז נִיט גְוֶועֶן אִין דֶער הֵיים · דֶעם אַנְדֶערֶן דֶעם
דְרִיטֶען טָאג אוּנ אַזוֹ עֶטְלִיכֶע טֶעג אִיז עֶר גְקוּמֶען אִין
חֶדֶר אַלְץ מִיט אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים · עֶס הָאט אָבֶּר דֶעם
מְלַמֵד זַייעֶר דֶעקוּטְשֶׁעט וָוארוּם פוּנְקְט אוֹף דֶר צַייט אִיז
גְוֶועֶן אָפּ גִישְׁטֶעלְט דֶער שַׁארְפֶר שִׁיעוּר · אוּנ אָן אָדָם הָט
עֶר נִיט גְקָאנְט לֶערְנֶן · וָוארוּם יֶענֶע תַּלְמִידִים זֶענֶן גְוֶועֶן
צוּ דֶעם שִׁיעוּר גָאר נִיט נִיצִיג · נָאר דֶר עִיקָר אִיז גְוֶועֶן

אדם

מעשה נפלאה

אָדָם אונ אַז אָדָם איז גְקוּמֶן אִין חֵדֶר הָט מֶען שׁוֹן גְרַאדְפֶּט לֶערְנֶען אֵיין אַנְדֶערֶן שִׁיעוּר · אִיז דֶר מְלַמֵד אַרִיבֶּר גִיגַאנְגֶן צוּ דֶער רֶעבִּיצֶען אונ זָאגְט איר הַיְתָכֵן אִיר טוּט מִיר אַזוֹ פִיל שְׁלֶעכְץ וָואס עֶס אִיז גָאר נִיט צוּ אִים לַיידֶען · דֶר מִיט וָואס איר הַאלְט אָדָם אִין דֶער הֵיים צְווֵיי שָׁעָה פוּן דֶר צַייט אַז עֶר גֵייט וַוארִימֶעס · אוּן קָאן אָן אִים נִיט לֶערְנֶען אונ אַז אִיךְ פְרֶעג אִים עֶנְטְפֶערְט עֶר מִיר אַלְץ תֵּירוּצִים אַז אִיר זֶענְט שׁוּלְדִיג · זָאגְט דִי מוּטֶר אוּן שְׁוֶוערְט אַז עֶר זָאכְט נִיט אִין דֶער הֵיים קֵיין דְרַייא מְנוּט · נָאךְ אֵיידֶער עֶר קוּמְט אִין שְׁטוּבּ אַרַיין אִיז שׁוֹן אִים גִיגְרֵייט צוּם טִישׁ · אונ עֶר עֶסְט אָפּ אונ גֵייט אַוֶועק אִין חֵדֶר · אוֹף דֶעם אַנְדֶערֶן טָאג עֶר גֵייט ווידֶר וַוארוּמֶעס עֶר קוּמְט ווידֶער אִין צְווֵייא שָׁעָה אַרוּם · פְרֶעגְט אִים דֶר מְלַמֵד אָדָם וָוס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹ לַאנְג גְזָאמְט · עֶנְטְפֶערְט עֶר דִי מַאמֶע הָט נִיט גְהַאט קֵיין צַייט אִים צוּ גֶעבֶּן עֶסִין · אִיז דֶר מְלַמֵד ווידֶער אוֹף דֶער נַאכְט גִיגַאנְגֶן צוּ דֶער רֶעבִּיצֶען אוּן שְׁרַייאֶט גְוַואלְד אִיר הַרְגִית מִיךְ אַוֶועק · אָט אִיז עֶר הַיינְט אוֹךְ נִיט גְקוּמֶען אִין חֵדֶר אִיבֶּר אַייךְ · זָאגְט דִיא מוּטֶער עֶס אִיז לִיגֶען עֶר הָאט אִין דֶער הֵיים נִיט גְזָאמְט אֲפִילוּ קֵיין דְרַייא מְנוּט · זֵיי הֵייבִּין אָן צוּ קְלֶערִין וָואס קָאן דָס זַיין וִויא קָאן עֶר זַיין · זָאגְט דִי מוּטֶער ווייסְט אִיר וָוס אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגֶן · אָט בֵּייזֶערְט זִיךְ אָן גִיט אוֹף אִים אוּן זָאגְט אִים ווִי בַּאלְד עֶר וֶועט נִיט קוּמֶן אִין דֶער צַייט אַזוֹ וִויא פְרִיר וֶועט אִיר אִים שְׁמַייסֶן · דֶער מְלַמֵד הָאט אַזוֹ גְטָאן אוּן הָט זִיךְ גוּט אָן גְבֵּייזֶערְט אוּן הָאט אִים פַר זָאגְט וִוי בַּאלְד עֶר וֶועט נִיט קוּמֶן מָארְגֶן צוּ דֶר

צייט

צייט וועט ער אים שמייסען :

בלילה ההוא די אייגענע נאכט קומט ר׳ מאיר צו חלום צו דער רעבּיצען און בּייזערט זיך גוט אן אוף איר און זאגט איר האט גהייסען דעם מלמד שמייסען מיין קינד אז ער וועט ניט קומען צו דער צייט זאלט איר וויסען אז איר בּיידע שפּילט מיט אייער לעבּין איר מיט דעם מלמד · וואס הט צו אייך ווי ער איז איר דארפט אים ניט נאך קוקען · און אזו זאלסט זאגען דעם מלמד אז ער זאל זיך היטען פר אים ווארום ער וועט שפּילען מיט זיין לעבען · גאנץ פריא איז זיא גלאפען צום מלמד און דר צײלט אים דעם חלום ווי אזו ר׳ מאיר איז גוועזן און האט איר אן גזאגט אז זיא זאל אן זאגען דעם מלמד אז הזהר והזהר מען זאל אים חלילה געבען איין קלאפּ · אודר אפילו אן שרעקין · ווארום אוב זייא וועלן ניט הערן די רייד שפּילען זייא מיט דעם לעבען · דער מלמד הט דם דער הערט · עס האט אים אן גחאפּט איין ציטערניש · ער זאגט ווען ער וועט שון ניט קומען אפילו איין גאנצן טאג אין חדר וועט ער אים אוך ניט ריידען קיין אום בייא תרבות ווארט · אונ זאגט דער מוטר אוך אן אז למען השם זיא זאל זיך היטען פון צו ריידן אים איין שלעכט ווארט · על כל פנים דער מלמד האט גזעהן אז ער קאן בּעסר ניט מאכן · הט ער איבּר גקערט דיא שיעורים · דיא צווייא שעה וואס אדם איז ניט גוועזן אין חדר האט ער מיט דיא תלמידים גלערינט עפּס אנדרש און אז אדם איז גקומען הט ער גלערנט מיט זיי שארפן שיעור אבּר פאר דיא לייענים געמט אדם אלע טאג

מעשה נפלאה

גְרָאשִׁינְס • אונ זייא קאָנֶען דָאס לֵיינֶען • דיא גְרָאשִׁינְס פְלֶעגְט אָדָם אַלֶע טָאג בְּרֶענְגֶען אַהֵיים צוּ דֶער מוּטֶער • די מוּטֶער פְרֶעגְט אִים וויא גֶעסְטְט אַלֶע טָאג גְרָאשִׁינְס • עֶנְפֶערְט עֶר גְלֵייב מִיר מַאמֶע אִיךְ גַנְבֶה נִיט • נָאר אִיךְ פַר דִיהֶען אונ וויא פְרֶעג מִיךְ נִיט • אונ אַז עֶר הָט שׁוֹן גְזָאגְט פְרֶעג מִיךְ נִיט הָאט זיא שׁוֹן מוֹרָא גְהַאט צוּ פְרֶעגֶן: וַיְהִי הַיוֹם עֶס אִיז גְקוּמֶן אֵיין טָאג וָוס די אַלֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען זִיךְ צוּ נוֹיף גְגַאנְגֶען אִין אֵיין אָרְט

אַרַיין • מֶען זָאל בַּייא טְרַאכְטֶען אָדָם • הַיְתָכֵן דוּרְךְ אִים שְׁלָאגְט מֶען זייא • אונ זייא מוּזֶען גַאנְבֶען די גְרָאשִׁינְס אונ בִּיז וַואנֶעט וֶועט דָאס זַיין אַזוֹי • עַל כֵּן זָאל מֶען בַּייא טְרַאכְטֶען וויא אַרוּם מֶע קָאן אִים אוּם בְּרֶענְגֶען פוּן דֶער וֶועלְט אונ אַז עֶר וֶועט שׁוֹן נִיט זַיין אִין חֶדֶר וֶועט מֶען אוּנְז נִיט שְׁלָאגֶן אַזוֹי אונ מִיר וֶועלֶן נִיט דַארְפֶן גְרָאשִׁינְס גַאנְבֶענְען • בְּלַייבְּט בַּייא זייא אַזוֹי • זייא זָאלֶען זִיךְ צוּ נוֹף לֵייגֶן אַלֶע אונ זָאלֶן אוּם בַּייטֶן אֵיין וַוייסֶען גִילְדֶען אונ אַז אָדָם וֶועט דֶער זֶעהֶן אֵיין וַוייסֶע מַטְבֵּעַ • וֶועט עֶר טָאן וָואס מִיר וֶועלֶן אִים זָאגֶן • דֶענְצְמָאל וֶועלֶן מִיר אִים אִיבֶּער קוּמֶן • אַזוֹי אִיז גְוֶועֶן זייא הָאבֶּן גְווִיזֶען דֶעם וַוייסֶן גוּלְדֶען אִים • אונ זָאגֶן אִים מִיר וֶועלֶן גֵיין דַאוִוינֶען מִנְחָה אונ מַעֲרִיב (אִין פַאר צַייטֶן זֶענֶען גְוֶועֶן די שִׁילֶען חוּץ לְעִיר) וֶועלֶן מִיר דִיר גֶעבֶּן דֶעם גִילְדֶען אַז דוּ זָאלְסְט אַרוּף קְרוּכֶען אוֹף דֶעם שְׁפִּיץ דַאךְ פוּן שׁוּל אונ זָאלְסְט פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט אַרָאפּ שְׁפְּרִינְגֶען אונ מִיר וֶועלֶן שְׁטֵיין פוּן וַוייטֶענְס אונ וֶועלִין זֶעהֶן • זָאגְט אָדָם יוֹא עֶר וֶועט דָאס טָאהֶן • עֶר הָאט אָפּ גְדַאווִינְט מִנְחָה אונ

הָאט

האט גנומען דאס שטעקילע און האט זיך אוף דעם לייטער ארוף גידראפיט ביז דעם שפיץ דאך · און האט גנומען דאס שטעקילע און האט זיך מיט דעם גישפילט אונ איז אראפ גישפרינגען און עס האט אים ניט גשאט אפילו אוף קיין האר · דיא תלמידים האבן דער זעהן אז ער איז גאנץ וועליבם זייא האבן גמיינט · אז ער וועט צו שיט ווערען · איז זייא גוואורן שלעכט:

ויהי בשנה השביעית אז אדם איז גקומן אוף דעם זיבעטן יאר . און דער גבאי

צדקה האט אים בייא דונגען ווייטער דעם מלמד איז ער תחילת הזמן גגאנגן אין חדר און דיא תלמידים האבען גמוזט נאנבעגן גראשינם און געבן אדם האבן זיי גקאנט דאס לייגען · אין אחודש ארום זאגט אדם צו דר מוטר ווייסטו וואס איך וועל דיר זאגן איך וויל שון ניט גיין אין חדר · זאגט דיא מוטר · נא וויא דוא פר שטייסט · ווארום זיא האט זיך מורא אים צו זאגן איין רעה ווערלונ דער פאטר ר' מאיר האט איר אן גזאגט · אדם גייט שון ניט אין חדר · און אזא יונגעל אז ער גייט ניט אין קיין חדר · ווירט ער גוט פר שייט ער לופט אים אין מארק · ער שלאגט זיך מיט קונדער לעבן דער שיל · ער איז מענטשן מבלבל אין דאווינען דיא שטאט לייט האבן דער זעהן אזא מעשה · האבן זייא באלד גשיקט צום גבאי צדקה אז ער זאל גיין צו דער רעביצן אונ בייא פעלין צו איר אזו · איר ווייסט אליין וואול וויפיל געלד דער אדם קאסט אונז אונ עס איז בייא אונז גוועזן זייער אן גלייגט · מחמת מיר האבן גמיינט אז מיר

וועלן

וֶועֶן מַחֲזִיק זַיין אֵיין (בֶּן צַדִּיק) צַדִּיקְס אַזִין • אוּן טָאמֶר
וֶועט עֶר אַלֵיין אוֹךְ זַיין אֵיין צַדִּיק • וּלְסוֹף זֶעהֶן מִיר אַז
עֶר גֵייט גָאר אַרוּם פוּן דֶעם רֶעכְטְ פַּארְטוּגֶען וֶועג • אוּנ
נֶעמְט זִיךְ גָאר אִין שְׁלֶעכְטֶע וֶועגֶן • לָכֵן וֶועט אִיר דִיא
זַאךְ פַּר רֶעכְטֶן אוּן עֶר זָאל גֵיין אִין חֵדֶר וַויִיטֶער אִיז מַה
טּוֹב וֶועלִין מִיר אַיִיךְ גֶעבֶּן דִיא הַסְפָּקָה אַזוֹ וִויא תָּמִיד •
אוּן אוֹב חָלִילָה נִיט הֵיסְן מִיר אַייךְ נִיט גֶעבֶּן פוּן הַיינְט
אָן אֲפִילוּ קֵיין פְּרוּטָה נִיט • אוּנ אוּנְזֶערְס וָואס מִיר הָאבֶּן
גְטָאן בִּיז אַהֶער לָאז זַיין פַּר גָאט • דִיא מוּטֶער דֶר צֵיילְט
דָאס אָדָם • לַאכְט עֶר זֵייעֶר גוּט רָאזֶען זֵייא נִיט גֶעבֶּן
זָאגְט עֶר • עֶס גֵייט אַוֶועק עֶטְלִיכֶע וָואכֶן אָדָם מוּט וָוס
עֶר וִויל דֶער גַבָּאֵי צְדָקָה גוּט נִיט אֲפִילוּ קֵיין פְּרוּטָה •
דִיא מוּטֶר פַּאר זֶעצְט וָואס זִיא הָאט אִין קוּפֶּערְט • אוּן
אִיז שׁוֹן אוּם גְקוּמֶן אַז זִיא הָאט גְמוּזְט דִיא קוּשֶׁען פַאר
זֶעצֶן זִי הָט אִיבֶּר גְלָאזְט נָאר אֵיין קוּשֶׁן פוּן אָרֶמְס וֶועגֶן :
וַיְהִי הַיּוֹם עֶס אִיז גְקוּמֶן דֶער טָאג אַז זִיא הָאט שׁוֹן
נִיט וָואס צוּ פַאר זֶעצֶן אוּנ דַארְף אָדָם גֶעבֶען
עֶסֶען אוּן זִיא הָט נִיט וָואס אִיז אִיר זֵייעֶר שְׁלֶעכְט גְוָוארֶן •
אָדָם אִיז אַהֵיים גְקוּמֶען הָאט דִיא מוּטֶער אָן גְהוֹבֶּן צוּ
וֵויינֶען זֵייעֶר אוּן זָאגְט קוּנְד לֶעבּ וָואס וֶועל אִיךְ דִיר
גֶעבֶּן עֶסֶן אוּן פִירְט אִים צוּ צוּם קוּפֶּערְט אוּן וַויִיזְט אִים
אַז אֲפִילוּ דִיא הֶעמְדֶער זֶענֶען אוֹךְ פַּר זֶעצְט דֶר קוּפֶּערְט
אִיז לֵיידִיג • דִיא קוּשֶׁען זֶענֶען פַאר זֶעצְט • אוּן אִיךְ הָאבּ
שׁוֹן נִיט וָואס צוּ פַאר זֶעצֶען • אוּן דָאס אִיז אַלְץ אִיבֶּר
דִיר וַוייל דִיא ווִילְסְט נִיט גֵיין אִין חֵדֶר אַרַיין • אִיר גְוֵויין
הָאט אִים זֵייעֶר פַאר נוּמֶען אוּן זָאגְט אִיר אִיךְ וֶועל שׁוֹן
גיין

גיין אין חדר אריין • דיא מוטער האט דער הערט אז ער
וויל שון גיין אין חדר איז זיא גלאפען באלד צוא דעם
מלמד און דער ציילט אים אז אדם וויל ווייטר לערנען •
זאגט דער מלמד וויא אזו קען איך אים ווייטר צו נעמן
אז ער איז שון אזא לאנגע צייט ניט געווען בייא לערנן •
עס קאן זיין ער האט שון פר געסן וואס ער הט גקאנט •
זאגט דיא כוטער איך וועל אים פרעגן וואס ער וועט מיר
ענפערן • דיא מוטער קומט אהיים און דער ציילט אדם
אזו און אזו האט דער רבי גזאגט • האט ער איין לאך
גיגעבן און זאגט ווי גשיקט זיך אזא נארישקייט צום רבי •
אז ער זאל זאגן אז איך האב פאר געסן • קום מיט מיר
צום רבי אין חדר אריין • זיא גייט מיט אים צום מלמד
מיט גרוס פרייד • ער איז גקומען אין חדר פרעגט בייא
אים דער מלמד • אדם דוא גדענקסט נאך עפעס וואס איך
האב מיט דיר גלערנט זאגט אדם פר וואס דען ניט • אז
איך בין אוועק גגאנגען האבן מיר גהאלטן אין רמב״ם
בייא דער הלכה • און זאגט אים סימנים איך האב אייך
דאס און דם גיפרעגט • אין איר האט מיר אזו געענפערט •
דער מלמד גוט אים איין לייגען ער זאגט נאך בעסר ווי
פריר מיט אזעלכע שכליות • דער מלמד קאן זיך ניט פר
וואונדערען אף אים ער הייבט אן ווייטר צו לערנן דעם
שארפן שיעור • עס איז גאר אין חקר צו זיינע שכליות •
דער מלמד איז גגאנגען אין שיל אונ דער ציילט דם פר
אלע פארנעמסטע לייט • זייא זענען גוואורן מלא שמחה
אין האבן באלד גשאפט אוף דעם גבאי צדקה ער זאל
נעמן געלד אוז אים לייזען אלע משכנות • און געבן די

הספקה

מעשה נפלאה

הַסְפָּקָה אַזוֹ וִויא פְּרִיר • בְּקִיצוּר אָדָם גֵייט אִין חֶדֶר און לֶערֶענְט וואול און דִיא תַּלְמִידִים שְׁלָאגְט מֶען וַוייטֶער אִיבֶּר דִיא לֵיינֶענְס און זָאגְט הָאט זֶעהֶט עֶר אִיז אוּם גְגַאנְגֶען אַזַא צַייט בָּטֵל אוּנ קָאן אוּמֶערדוּם בֶּעסֶר פוּן אַייךְ • זֵייא הָאבֶּן גְזֶעהֶן אַז עֶס אִיז שְׁלֶעכְט הָאבֶּן זֵייא וַוייטֶר גְמוּזְט גַנְבֶעֶנֶן גְרָאשִׁינְס און גֶעגֶעבֶּן אָדָם און אָדָם הָט זֵייא אוּם גְזָאגְט און זֵייא הָאבֶּן גְקָאנְט אָבֶּר דָאס גְרוּסְט זֵייא גוּט אִין דִיא אֵיבְרִים און אִין בּוֹךְ • און טְרַאכְטֶען וִויא אַזוֹ וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן אָדָם • אִיז גִיבְּלִיבֶּען בַּייא זֵייא דִיא עֵצָה אַזוֹא • אַז זֵייא זָאלֶן זִיךְ צוּ נוֹיף לֵייגֶען צְווֵייא קֶערְבְּלִיךְ און זָאלֶן זֵייא אָדֶעמֶען אַוועק גֶעבֶּן נָאר בְּאוֹפֶן זֶה • עֶס אִיז גְוועֶן לִיבֶּען דֶער שִׁיל אֵיין גְרוֹסֶר פֶּער וַואל (אַרָאקֶענְע) דָארְטֶן הָאט זִיךְ גְהַאלְטֶן אֵיין מַזִיק ר״ל • אִיז אַזוֹ גְוועֶן בּאלְד נָאךְ הַאלְבֶּן טָאג • אַז עֶס אִיז אַהִין אַרַיין גְגַאנְגֶען אֵיין מֶענְטְשׁ אֵיינֶער אַלֵיין • אוֹדֶר אֵיין בְּהֵמָה אַצִיג זֶענֶען זֵייא פוּן דָארְטֶן שׁוֹן נִיט אַרוּס לֶעבֶּעדִיג וּמִכָּל שֶׁכֵּן בִּיז הַאלְבֶּע נַאכְט אִיז גְוועֶן סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת • הָאבֶּען זֵייא מִיט דֶעם אָדֶעמֶען אָפּ גְרֶעט • נַא דִיר דִיא צְווֵייא קֶערְבְּלִיךְ און אַזוֹ וִויא מִיר אַלֶע וֶועלִין גֵיין אִין שִׁיל און זַיין בַּייא מַעֲרִיב זָאלְסְט אָפּ דַאווִינֶען מַעֲרִיב • אִין דֶר נָאךְ וֶועקֶן מִיר דִיךְ צוּ פִיהְרֶען צוּ דֶער דָאלֶענֶע און דוּ זָאלְסְט אַרַיין גֵיין און דָארְטֶן אִיבֶּר נֶעכְטִיקֶען בִּיז אִין דֶער פְרִיא בִּיז מִיר וֶועקֶן דִיךְ אוֹף וֶועקֶען • אָדָם אִיז מְרוּצָה גְוָוארֶן און הָאט גְדַאווִינְט מַעֲרִיב אוּנ אִיז גְגַאנְגֶען מִיט זֵייא און הָאט בַּייא זֵייא צוּ גְנוּמֶען דִיא צְווֵייא קֶערְבְּלִיךְ און זֵייא הָאבֶּן אִים אַרָאפּ גְפוּרְט צוּ דֶער דָאלוּנֶע • וִויא עֶר הָאט אָן

גהובען

גְהוֹבְּן אַרָאפּ צוּ גֵיין • עֶס אִיז גְוֶוען זֵייעֶר טִיף זֶענֶען זֵייא אַנְטְלָאפֶן גְוואָרֶן אִיטְלִיכֶער צוּ זִיךְ אַהֵיים • בִּכְדֵי זֵייא זָאלֶען נִיט הֶערֶן זַיין גִישְׁרֵייא • אַשִׂמְחָה אֵיין פְּרֵייד אוֹיף דִי אַלֶע תַּלְמִידִים וָוס זֵייא הָאבֶּן שׁוֹן פַּר טְרַאכְט אָדֶמֶען • זֵייא עֶסֶען וֶועטְשִׁירֶע אִיטְלִיכֶער בַּייא זִיךְ אִין הֶערְהֵיים • אָדָם אִיז אַרֵיין גְקוּמֶען אִין דֶער דָאלִינֶע אַרֵיין הָאט זִיךְ צוּ אִים בַּאווִיזֶען דֶער מַזִיק אוּן זָאגְט צוּ אִים ווִי קוּמְסְטוּ אַהֶער • אִיז אָדָם אֵיין בִּיסֶעל דֶער שְׁרָאקֶען גְוואָרֶן • נָאר עֶר הָאט בַּאלְד פַּאר שְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז אֵיין מַזִיק • הָאטְשִׁי עֶר הָאט נָאךְ קֵיין מָאל נִיט גְזֶעהֶן אַזֶעלִיכֶעס הָט עֶר גְחַאפְּט דָאס שְׁטֶעקִילֶע אוּן הָאט גְמַאכְט אַרוּם זִיךְ אֵיין עִיגוּל • דֶער מַזִיק שְׁפְּרִינְגְט אוּן ווִיל אִים מַזִיק זַיין אָבֶּר עֶר קָאן צוּ אִים נִיט צוּ קוּמֶען מַחֲמַת דֶעם עִיגוּל אָדָם זָאגְט צוּ אִים ווִיא קוּמְסְטוּ אַהֶער אוּן זָאגְט אִים אַזוֹ וֶועסְטוּ מִיךְ פָּאלְגֶן אוּן וֶועסְט אַוֶועק גֵיין פוּן דַאנֶען אִין אֵיין מִדְבָּר וָואס דָארְטֶן גֵייעֶן אוּן פָּארֶן נִיט קֵיין מֶענְשֶׁן אִיז מַה טּוֹב קָאז אִיךְ דִיךְ לֶעבֶּן • וּבְאִם לַאו הֵייבּ אִיךְ אוֹיף מַיין שְׁטֶעקִילֶע אוּן וֶועל מַאכֶן פוּן דִיר אוּס • אַז ווִי פִיל דוֹרוֹת דִיא ווֶעלְט וֶועט שְׁטֵיין וֶועסְטוּ שׁוֹן אוֹיף דֶר ווֶעלְט נִיט זַיין • דֶער מַזִיק הָאט זִיךְ אָן גְהוֹבֶּען צוּ בֶּעטֶן בַּייא אָדָם אוּן הָאט אִים צוּ גִישְׁוואוֹרֶן אַז עֶר זָאל פוּן דַאנֶען אַוֶועק גֵיין • אַהִין ווִי עֶר הֵייסְט אִים אוּן אִיז בַּאלְד אַוֶועק • דֶער אָדָם הָאט זִיךְ דָא אַבִּיסֶעל אָפּ גְמוּטְשֶׁעט • אוּן הָאט אוּס גְטָאן דָאס חַלַאטֶעל אוּן הָאט זִיךְ אוּנְטֶער גִישְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶעם גְרָאז אוּן הָאט זִיךְ גְלֵייגְט שְׁלָאפֶען אוּן אִיז גִישְׁמַאק אַנְשְׁלָאפֶן גְוואָרֶן • אַזוֹ ווִיא אוּם זוּמֶער

מעשה נפלאה

אִיז דֶר גִישְׁמַאקְסְטֶער שְׁלָאף מִיט דֶעם טָאג אִין דֶר פְּרִיא • לָאמֶר לָאזֶן אָרֶמֶען שְׁלָאפֶן • דִיא יוּנְגֶע לַייט הָאבֶּן זִיךְ אוֹיךְ גְלֵייגְט שְׁלָאפֶן פַּאלְט אַרַיין יֶעדֶעֶרֶן בַּייא נַאכְט אִין דִיא גְרַאנְקֶען גְוַואלְד וָואס הָאבֶּן זַייא גְטָאן זַייא הָאבֶּן גְנוּמֶן ר׳ מֵאִירְס זִין אוּן הָאבֶּן אִים אוּם גִיבְּרַאכְט • זַיי וֶועלֶן דָאךְ קֵיין תְּקוּמָה נִיט הָאבֶּן אוֹף דֶער וֶועלְט אוֹיךְ נִיט אוֹף יֶענֶער וֶועלְט • בְּלַייבְּט בַּייא אִימְלִיכֶן אִין הַארְץ זַיי וֶועלֶן אִין דֶער פְּרִיא גֵיין צוּם פֶּערֶע וַואל • לֶעבְּט עֶר אַנְדֶערְשׁ אִיז בְּוַודַאי מַה טּוֹב אוּן אוֹב חָלִילָה נִיט זָאלֶן זַייא אַרַיין גֵיין אִין שִׁיל אוּנ זָאלֶען זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין אַז זַייא הָאבֶּען אוּמְגִיבְּרַאכְט אָרֶמֶען אַזַא צַדִּיק בֶּן צַדִּיק אוּן כִּמְעַט אַיין גָאוֹן עוֹלָם אוּן מִיט וָואס מֶען וֶועט זַייא מְשַׁפְּטֶן וֶועלֶען זַייא אוֹף זִיךְ מְקַבֵּל זַיין • זַייא הָאבֶּן שׁוֹן גְרַאנְקְט גָאט אַז עֶס הָאט שׁוֹן אָן גְהוֹבֶּען בְּרֶעכֶען אוֹף טָאג אֵיינֶר הָאט זִיךְ צוּם עֶרְשְׁטֶען אוֹף גְהַאפְּט אוּן אִיז גְלָאפֶּן צוּם אַנְדֶערֶן צוּם דְרִיטֶען בִּיז זַייא הָאבֶּן זִיךְ אַלֶע צוּ נוֹף גִיקְלִיבֶּן אוּן הָאבֶּן אָן גְהוֹבֶּן צוּ וֵויינֶען • שְׁטַייטְשׁ וָואס הָאבֶּן מִיר גְטָאן וֵוייא אִיז צוּ אוּנְז אַז מִיר הָאבֶּן אַזֶעלִיכֶעס אוּם גִיבְּרַאכְט אוּנ עֶס אִיז נִיט גְוֶוען אֵיינֶר צְווִישֶׁן אוּנְז אַז זָאל דִיא זַאךְ נִיט לָאזֶן טָאן • עַל כָּל פָּנִים קוּמְט לָאמֶר גֵיין אוּנ לָאמֶר זֶעהֶן וָואס דָארְטֶן טוּט זִיךְ • זַייא קוּמֶען צוּ גֵיין צוּ דֶעם פֶּערֶע וַואל זֶעהֶן זַייא אַז עֶר לִיגְט אוֹף דֶעם גְרָאז אִין דָאס הְלַאטֶעל אוּנְטֶר גִישְׁפְּרֵייט אוּן דָס שְׁטֶעקִילֶע לֶעבֶּן אִים • טְרַאכְטֶן זַייא זָאל דָאס אַנְדֶערְשׁ זַיין אַז עֶר אִיז נִזּוֹק גְוָוארֶן וָואס הָאט דֶער מַזִּיק גְרַארְפְּט הַארֶען בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ אוּם טָאן דָאס הְלַאטֶעל . גֵיין עֶס וַוייזְט

אוים

אוּם אַז עֶר שְׁלָאפְט · זַייא הָאבֶּן אָן גְהוֹבֶּן צוּא שְׁרַייעֶן אוּן רוּפֶען אִים · אָדָם · אָדָם · זַייא הָאבֶּען אַזוֹ לַאנְג גִישְׁרִיגֶן בִּיז עֶר הָט זִיךְ אוֹף גְוַואכְט זַייא הָאבֶּן אִים דֶער זָעהֶן אַז עֶר לֶעבְּט · קָאן מֶען אַלַיין פַּאר שְׁטֵיין וָוס פַּר אַיין שִׂמְחָה עֶס אִיז אוֹף זַייא גְקוּמֶען · אָדָם שְׁרַייאֶט צוּ זַייא דֶער לַאנְגְט מִיר וַואסֶער · זַייא זֶענִין גְלָאפֶּן צוּם הַאנְט פַּאס (כִּיוֹר) אוּן הָאבֶּן אִים גֶגֶעבֶּן וַואסֶר מִיט אַיין פַּאטְשַׁיילֶע · וָוארוּם אִין דֶער פְּרִיא אֲפִילוּ אַז דֶר מַזִיק אִיז דָארְטֶן גְוֶועֶן פְלֶעגְט מֶען אוֹיךְ מֶעגֶען גַיין אַהִין · דֶר עִיקָר סַכָּנָה אִיז נָאר גְוֶועֶן נָאךְ הַאלְבֶּן טָאג בִּיז פַּר טָאג דֶער אָדָם הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט דַאוְוינֶען · דִיא אַלֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען זִיךְ מִיט אִים מִשְׁתַּעֲשֵׁעַ אַזוֹ וְוִיא מִיט אַיין גוּטֶען בֵּן יָחִיד · אִין קוּרְצֶן אָדָם הָאט אָפּ גְדַאוְוינְט אוּן זָאגְט צוּ דִיא תַּלְמִידִים נַאט אַייךְ דִיא צְוַויי קֶערְבְּלִיךְ אוּן גֵייט צוּ דֶער מַאמֶע אוּן גוּט אִיר אָפּ · אוּן זָאלְט אִיר זָאגֶן אַז אִיךְ בִּין אַוֶועק גְגַאנְגֶען אוּן וֶועל זַיין אִין דֶר הֵיים צוּ דֶר אַכְט טָאג · דִיא תַּלְמִידִים הָאבֶּען נִיט גְוִויסְט אַז דִיא מוּטֶער אִיז אַיין גַאנְצֶע נַאכְט אוּמְגִילָאפֶּן זוּכֶן אָדָם אוּן הָאט אַיין גַאנְצֶע נַאכְט אִ"ס גְוַויינְט · אוּנ וְוידֶר מַחֲמַת דֶר פְרֵייד וָואס זַייא הָאבֶּן גְהַאט אַז זֵיי הָאבֶּן דֶער לֶעבְּט צוּ זֶעהֶן אַז אָדָם לֶעבְּט הָאבֶּען זַייא זִיךְ גָאר נִיט בַּייא טְרַאכְט אוּנ זֶענֶן גִינַאנְגֶן צוּ דֶר מוּטֶר אוּן גִיבֶּן אִיר אָפּ דָאס גֶעלְד אוּנ זָאגֶן אִיר אַז אָדָם אִיז אַוֶועק גִינַאנְגֶען אוּן וֶועט עֶרְשְׁט קוּמֶען צוּ דֶער אַכְט טָאג · דִי מוּטֶער הָט דָם דֶער הֶערְט הָאט זִיא זִיךְ גְנוּמֶען צוּ זַייא וְוִיא אִיז עֶר הַיינְטִיגֶע נַאכְט גְוֶועֶן אוּנ וִוי קוּמֶן צוּ אִים צְוַויי קֶערְבְּלִיךְ

אונ וויא איז ער אַוועק גינאַנגֶן · זיי האָבֶּן אָנגיהוֹבֶּן זיך
אָפּ לייקֶענֶן מיר ווייסֶן אָבֶּר ניט די מוטֶר רוהֶעט ניט אונ
גייט אין שוֹל אַריין מיט איין גְרוֹס גְוויין אוּנ זאָגט ניט
אַנדֶערְשׁ נאָר איר האָט אים אוּם גיבְּרַאכְט (ניבְאָה וְלֹא
יָדְעָה מַה נִיבְּאָה) דאָס האַרְץ הָט איר גְזאָגְט נאָר זי הָט
ניט גְוויסט דֶם אֶמֶת אַקְאַראַט · דיא גְרוֹסֶע לַייט האָבֶּן זיך
אוֹך אָן גיהוֹבֶּן צוּ חוּדישֶׁען דְרוֹיף וואָס בַּאטַייט דאָס וויא
קוֹמְט בֶּאֱמֶת צוּ אָדָם צְווייא קֶערְבְּלִיך אוּנ ווי אַהִין קֶען
איין קוּנְד בֶּאֱמֶת אַוועֶק גיין אוֹף אַכְט טָאג ווֶעלְכֶר עֶר איז
קיין מָאל ניט גינאַנְגֶען אוּנטֶר דֶר שְׁטָאט · בְּקִיצוּר מֶע הָט
אָן גְהוֹבֶּען צוּ שְׁרַייעֶן אוֹף די יוּנגֶע לַייט איר מוּזְט זאָגֶן
דֶעם אֱמֶת · דיא יוּנגֶע לַייט חָאטְשֶׁע עֶס איז זייא גְוועֶן
זֵייעֶר בִּיטֶער אַוודַאי צוּ זאָגֶן דֶעם אֱמֶת · נאָר מַחֲמַת דֶר
מוּטֶערְס גְווַיין האָבְּן זייא גְרוֹס רַחֲמָנוּת גְהַאט אוֹף איר
אוּן האָבֶּן דֶער צֵיילְט דיא גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה ווִי זיי האָבֶּן שׁוֹן
צְוויי מָאל אים גְוואָלְט אוּמְבְּרֶענְגֶן אוּן גָאט האָט אים אַרְץ
גְהָאלְפֶּן · איינְמָאל פוּן דֶער שׁוֹל וואָס עֶר איז אַרָאפּ
גישְׁפְּרִינְגֶען אוּנ איז גִיבְּלִיבֶּן גַאנְץ · אוּנ צְווייטֶענְס מיט
דֶעם פֶּערֶעוואַל וויא עֶר האָט דָארְטֶן איבֶּער גֶנעכְטִיגְט ·
די מוּטֶער הָט דֶער הֶערְט דֶעם פֶּערֶעוואַל · אַנְאזֶע ווַיינֶן
אוּן שְׁרַייעֶן אָדָם איז שׁוֹן נִיטָא אוֹף דֶער ווֶעלְט · דיא
יוּנגֶע לַייט שְׁוֶוערֶן הַלְוַואי זאָלְן מיר אַזוֹ לֶעבֶּן וויא עֶר
לֶעבְּט · ווָארוּם עֶר הָט אַוועֶק גִימְרִיבֶּן דֶעם מַזִיק איין סִימָן
גִיבֶּען מיר אַייך לָאזְט אַריין איין צִיג אין דֶעם גְרוּבּ אוּן
לָאז זיא דָארְטֶן זַיין בִּיז טָאג · ווֶעט איר זֶעהֶן אַז זיא וועֶט
אין דֶער פְרִיא אַרוּם לֶעבֶּעדִיג אוּנ אָנְגִיפַּאסֶעט · וואָרוּם עֶר

האט

הָט אוּנְז גְזָאגְט אַז עֶר הָאט שׁוֹן דֶעם מַזִיק פַּר טְרוּבֶּען אִין
אֵיין מִדְבָּר וָוס דָארְטִין גֵייֶען נִיט קֵיין מֶענְשֶׁן · דִי לַייט
אִין שׁוּל הָאבֶּן דָאס דֶר הֶערְט וֶוענֶן זֵיי גְוָוארֶן מָלֵא שִׂמְחָה
אוּן וָואלְטֶן גֶערֶן דֶער לֶעבְּט וֶועהֶן אַז דָאס אִיז אֶמֶת עֶס
אִיז גְקוּמֶען נָאךְ הַאלְבֶּען טָאג הָאט מֶען גְנוּמֶען אֵיין צִיג
אוּן מֶע הָאט זִיא גְפוּרְט צוּ דֶעם פֶּערֶעוַואל אִין עֶס אִיז
נָאךְ גִיגַאנְגֶען אֵיין נַאזְצֶר עוֹלָם אַזוֹ וִוי דֶעם שָׂעִיר הַמִשְׁתַּלֵחַ
אוּן מֶע הָט דִי צִיג אֵיין שְׁמִיפּ גִיטָאן אִין פֶּערֶעוַואל אַרַיין
זִיא אִיז זִיךְ אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען בִּיז אוּנְטֶען אִין גְרָאז אִיז גְוֶוען
גְנוּג זִיא גֵייט אוּן פַּאשֶׁעט זִיךְ · מֶענְשֶׁן וָוס זֶענֶן גִישְׁטַאנֶען
אוֹבֶען הָאבֶּן דָאס צוּ גֶזֶעהֶן הָאט מֶען שׁוֹן פַאר שְׁטַאנֶען אַז
דִי מַעֲשֶׂה אִיז אֶמֶת אַקִיצוּר מֶע שְׁטֵייט אוּף אִין דֶר פְּרִיא ·
דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן דֶר צִיג קוּמְט צוּ גֵיין אוּנ הֵייבְּט זִיא
אָן רוּפֶען · זִיא קוּמְט אַרוּף אָנְגִיפַּאסֶעט · הָאט מֶען שׁוֹין
גְוִויסְט אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז גְוֶוען אֶמֶת אַז אָדָם הָאט דֶעם
מַזִיק פַּר טְרִיבֶּען פוּן דֶער שְׁטָאט · נָאר וִוי עֶר אִיז אַוֶועק
גִיגַאנְגֶען ווַייסְט קֵיינֶר נִיט · דִי מוּטֶר אִיז שׁוֹן אוֹךְ אַבִּיסֶעל
נִקְלְט גְוָוארֶן אוּן הָט אוֹךְ פַאר שְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז אֵיין
גוּטֶר אָדָם וָואס קֵיין מֶענְשׁ פַּר שְׁטֵייט אִים נִיט :

עַתָּה נַתְחִיל לְדַבֵּר דַּרְכּוֹ שֶׁל אָדָם הֵיכַן הָלַךְ וְלָמָה הָלַךְ ·
יֶעצְט לָאמֶר אָן הֵייבֶּן צוּ רֵיידֶען אוּן דֶער צֵיילֶען
וְויא אַהִין אִיז אָדָם גְגַאנְגֶען · אוּנ נָאךְ וָואס אִיז עֶר
גְגַאנְגֶען אִיז דִיא מַעֲשֶׂה אַזוֹ גְוֶוען · אָדָם הָאט דֶער זֶעהֶן
אַז אִין אַגַאנְץ ווַייטֶע מְדִינָה זִיצְט אַיוּר אִין אַדָארְף מִיט
אַווַייבּ · דָאס ווַייבּ הָאט אַלֶע יָאר אַקִינְד אוּן אַז עֶס קוּמְט
צוּ דֶער ווַאךְ נַאכְט זֵייגֶער צְוֶעהֶן · עֶנְפֶּער דָאס קִינְד

בלייבט

מעשה נפלאה

בלייבט ניט אין בעט לעבן דער טוטר · אודר עס בלייבט ליגען אזו וויא איין (אבן דומם) שטיין אונ עס איז שון אזו שיינע עטליכע יאר ערך אכטצען קונדער האט זיא גיהאט און הט ניט אפילו איינס ר״ל · דער רענדאר איז גוועזן איין אייערלער מענש · ער הט איבער גטאן זאכן סגולות קמיעות עס האט אלץ ניט גהאלפן וויא באלד עס איז גקומן זייגער צעהן איז דאס קונד ניט גיבליבען · אהין איז אדם אוועק גינאנגן עס איז גוועזן ניט וייט אהין נאר ערך צוויא דרייא הונדערט מייל · אדם איז אן גקומען אהין פונקט צו דער וואך נאכט · האט דר ארענדאר אזו גטאן ער איז ביא טאג גפארן אין שטאט אריין און הט גנומן צעהן אלטע יודן מיט צעהן זוהרס הק׳ · און הט גנומן די בעט מיט דר יולדות מיט דם קונד און זיא גישטעלט אין מיטען שטוב און הט ארום און ארום פר האנגען דיא בעט און האט אנגיצונדן ליכט אין בעט אונ האט דיא צעהן יהודים מיט די צעהן זוהרס ארום גזעצט · די בעט לעבין מישען אונ האט אן גצונדען אסך ליכט אונ זייא האבן אנגיהובן צו זאגען דעם זוהר · און דער ארענדאר האט אן גטאן דאס שטרייטעל מיט איין גוטער קאפאטע און גייט איבר דר שטוב אין ברעכט די הענט אין וויינט און די קונפעטארען זיצט אין בעט אונ וויינט אוך · אין מיטען קומט אריין איין קליין יונגעלע (דאס איז גוועזן אדם) מיט איין שטעקעלע און זעצט זיך אנידער אוף דר באנק אונ רוהט זיך קלאפפערשט אפ און זעהט ווי דער בעל ברית גייט אין שבתדיקע קליידער אונ וויינט · גייט ער צו צו דעם בעל ברית אגוט נאווענט ער ענפערט אים

אגוט

אַגוּט יָארי פְּרֶעגְט אָדָם זָאלְט איר מִיר גְזוּנְט זַיין וָוס איז
בַּייא אַייךְ · זָאגְט דֶער בַּעַל בְּרִית עֶס איז הַיינְט קְרִיאַת
שְׁמַע לֵיינֶען · זָאגְט דָאס יוּנְגֶע (אָדָם) עֶס איז מִיר אַיין
חִידוּשׁ בַּייא אִינְז אַז עֶס איז אַיין קְרִיאַת שְׁמַע לֵיינֶען איז
דֶער בַּעַל בְּרִית פְרֵייְלֶעךְ אוּן קֵיין בֶּעט שְׁטֵייט נִיט אין
מִיטֶען שְׁטוּבּ · וָואס בַּאטַייט דָס זָאגְט מִיר אִיךְ בֶּעט
אַייךְ · דֶער אַרֶענְדַאר זֶעהֶט אַז דָס איז אַיין קוּנְד וָוס וֶועט
עֶר אִים דֶער צֵיילֶן · זָאגְט עֶר צוּם יוּנְגֶעלֶע דֶעקוּטְשֶׁע
מִיךְ נִיט אוּנ זַאלְץ מִיר נִיט אוּף מַיינֶע ווינְדֶען · גֵייט דָס
יוּנְגֶעלֶע אוּנ זֶעצְט זִיךְ ווידֶער אַנִידֶער · אין עֶטְלִיכֶע מִנוּט
גֵייט עֶר וַוייטֶער צוּ אוּנ זָאגְט צוּ דֶעם אַרֶענְדַאר וָואס
קָאנְט איר אָן וֶועהֶן אַז איר וֶועט מִיר דֶער צֵיילִין · עֶר
זָאגְט אִים אוֹי אִיךְ בֶּעט דִיךְ פְרֶעג מִיךְ נִיט אִיךְ קָאן דִיר
דִיא זַאךְ נִיט דֶר צֵיילִין וָוארוּם דוּ בִּיסְט נָאךְ אַיין קוּנְד ·
דָאס יוּנְגֶעלֶע זֶעצְט זִיךְ ווידֶער אַנִידֶער אין עֶטְלִיכֶע מִנוּט
נֶעמְט דָאס יוּנְגֶעלֶע דָאס שְׁטֶעקֶעלֶע אוּן גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶר
טִיעֶר · אוּן דִי אַלְטֶע יוּדֶען שְׁרַייֶען דֶעם זוֹהַר אוּנ טוּט
אַיין ווינְק צוּ דֶעם בַּעַל הַבַּיִת דֶעם אַרֶענְדַאר · אַז עֶר זָאל
אַרוֹיס גֵיין · דֶער אַרֶענְדַאר הָאט גֶזֶעהֶן אַז דָאס יוּנְגֶעלֶע
ווינְקְט צוּ אִים איז עֶר בַּאלְד אַרוֹיס גִינַאנְגֶען · זָאגְט דָאס
יוּנְגֶעלֶע (אָדָם) הָארְכְט נָאר צוּ אִיךְ וַוייס פוּן אַייעֶר מַעֲשֶׂה
וָוס דָא טוּט זִיךְ נָאר אַז איר וֶועט מִיךְ צוּ הֶערֶען וֶועט איר
אי"ה הָאבִּין אַיין לֶעבֶּעדִיק קוּנְד · אוּנ זָאגְט אִים אַזוֹ איר
גֵייט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ אוּן זָאלְט נֶעמֶען דִי צֶעהֶן אַלְטֶע לַייט
אוּן זָאלְט זַייא בַּאזֶעצֶען אִין דֶער גְרוֹישֶׁער קְרֶעטְשְׁמֶע איר
זָאלְט זָאגֶען אַז דִי יוֹלְדוֹת ווִיל שְׁלָאפֶען · אוּן קָאנֶען זַיי דָארְטֶען

זאגין

מעשה נפלאה

זאגן דעם זוהר אונ איר זאלט צו מאכען די טירען און די
פענצטער אונ זאלט פר שטורען אלע לעכר אוך ווי עס
גפונט זיך איין שפעלטיל · אין דאס בעט צו ריק שטעלן
איף זיין ארט · אין בעט זאל ברענן איין ליכט · און דוא
אליין זאלסט זיך אנצונדן איין גרושע ליכט אונ זאלסט זיך
אנידער זעצן אוף איין שטיל אינ די יולדות וועט שלאפן
זיא וועט גאר ניט הערען נאר דו וועסט הערן און אויב
דוא וועסט זייער דער שראקען ווערן · און וועסט ארופ
פאלן פון דער שטול זאלסטו ליגען אוף דער ערד מיט
דעם פנים אראפ און וואס דוא וועסט הערן און וואס מע
וועט דיך רופן זאלסטו זיך ניט רורען און ניט ענפערן קיין
ווארט · ערשטענס וועט זיך דיר אויש ווייזען אז דר גראף
פון דיין דארף און דר קאמוסער אוך דער ייעקאגאם פארן
מיט די סטרעלצים מיט די תארטעם מיט דיא גאנצעם פון
פאדיוואניע און וועלן דיך בעטן דו זאלסט זיי אוף עפענן די
קרעטשמע זאלסטו זיך ניט אן רופען · דער גראף אליין
וועט קומן צו דיר אונ וועט דיך בעטן אז דוא זאלסט פון
זיינעט וועגן אליין עפינען די קרעטשמע זאלסטו אים ניט
ענפערן · ער וועט אנהייבן צו שרייען די קרעטשמע איז
מיינע וועסט מיר ניט עפינען וועל איך אריין שיסען אונ
וועט מאקע אום שיסען זאל דיך ניט הארען · עס וועט
זיך דיר אום ווייזן אז דיא קרעטשמע ברענט שון זאל דיך
אלץ ניט הארען · ער וועט דיך שעלטן זאלסט ניט דער
לעבן צו האבן איין לעבידיק קונד זאל דיך ניט הארן ·
און זאלסט ניט אנרופען זיך דוא וועסט הערן אז זיי זעגן
שון אוועק גפארן · דער נאך וועסטו הערן אז עס גייט
איין גאנצר פולק סאלדאטען מיט ערצטע און מאזיקע וועט

שפירען

שְׁפִּירֶען אונ מֶע וֶועט מַאכֶען אֵיין פְּרֶעוַואל לֶעבֶּען דֶער קְרֶעטְשְׁמֶע אונ עֶס וֶועט קוּמֶען אֵיין פְּרָאסְטֶער סָאלְדַאט אוּן וֶועט דִיךְ בֶּעטֶען דוּא זָאלְסְט אִים עֶפִינֶען עֶר וִויל אֵיין טְרוּנְק בְּרוּנְפֶען זָאלְסְטוּ שְׁוַוייגֶען אונ נִיט אָן רוּפֶען זִיךְ • דֶר נָאךְ וֶועט קוּמֶען אֵיין עֶלְצְטֶער אוּן וֶועט בֶּעטֶען אַנְדֶערֶע מַשְׁקֶה זָאלְסְטוּ אַלְץ שְׁוַוייגֶען דֶער נָאךְ וֶועט צוּ גֵיין דֶער פּוּלְקָאוּוְנִיק אוּךְ דֶער יֶיעֶנֶעַראל אונ וֶועלִין דִיךְ בֶּעטֶן מִיר זֶענֶן דָאךְ סַאמֶע גְרוֹשֶׁע לַייט לָאז אוּנְז אַרַיין מִיר וֶועלֶן דִיר גֶעבֶּן צוּ לֵייזֶן אַסַךְ גֶעלְד אונ וֶועסְט הָלִילָה קֵיין שָׁאדֶן אוּךְ נִיט הָאבֶּן • זָאלְסְטוּ נִיט עֶנְפֶרֶן עֶר וֶועט דִיךְ עֶטְלִיכֶע מָאל בֶּעטֶן אונ אַז עֶר וֶועט זֶעהֶן אַז דוּא עֶנְפוּרְסְט נִיט וֶועט עֶר הֵייסֶן צוּ פִירִין אֵיין קַאנָאנֶען אוּן וֶועט הֵייסֶן אוּם שִׁיסֶען אִין קְרֶעטְשְׁמֶע אַרַיין אוּן דוּ וֶועסְט הֶערֶן אַז פַייֶער פַאלְט אוּף דִיר זָאלְסְטוּ לִיגֶן אונ שְׁוַוייגֶען אונ גִיט עֶנְפֶרֶן • זֵיי וֶועלֶן שְׁרַייעֶן אונ שֶׁעלְטֶן דִיךְ מִיט קוּנְדֶער זָאלְסְטוּ נִיט עֶנְפֶערֶן • וֶועסְטוּ הֶערִין אַז זֵייא זֶענֶן שׁוֹין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען זָאלְסְטוּ זִיךְ פוּן דֶער עֶרְד נִיט אוּף הֵייבֶּן • דֶר נָאךְ וֶועט קוּמֶן אֵיין רֶענְדַאר וָוס עֶר זִיצְט לֶעבֶּן דִיר אונ וֶועט דִיר וֶועלֶן צָאלֶן אֵיין קֶערְבִּיל דִיא קְוָוארְט בְּרוֹנְפֶן זָאלְסְטוּ נִיט עֶנְפֶערֶן • עֶר וֶועט דִיךְ שֶׁעלְטֶן מִיט קוּנְדֶר זָאל דִיךְ אוּךְ נִיט הַארֶן עֶר וֶועט אַוֶועק פָארֶן דֶער נָאךְ וֶועט קוּמֶן אֵיין קְלֵיין יוּנְגֶלֶע אונ וֶועט דִיךְ בֶּעטֶן דוּא זָאלְסְט אִים עֶפִינֶן אוּן עֶר וֶועט דִיר זָאגֶן אִיךְ בִּין דָאס יוּנְגֶעלֶע וָואס אִיךְ הָאבּ דִיךְ גְלֶערֶענְט וָוס דוּ זָאלְסְט טָאן לָאז מִיךְ אַרַיין אִיךְ דַארְף דִיר נָאךְ עֶפֶּס זָאגֶן זָאלְסְטוּ זִיךְ נִיט אָן רוּפֶן עֶר וֶועט אָן הֵייבֶּען צוּ וַויינֶען אִיךְ הָאבּ מִיךְ אוּמְזוּסְט גְמוּט מַיינֶע פִּיס אִיךְ וויל דִיר מַצִיל זַיין אֵיין קוּנְד • אונ דֶער נאָךְ ווֶעט עֶר דִיךְ

מעשה נפלאה

שֶׁעלְטִין זָאלְסְטוּ דָאס אַלְץ נִיט הֶערֶן · אוּן אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹן אִיבֶּער קוּמֶן דָם יוּנְגֶעלֶע זָאלְסְטוּ זִיךְ שׁוֹן ווידֶר אַנִידֶר זֶעצֶן אוֹף דֶער שְׁטוּל · אוּנ זָאלְסְט זִיךְ פַּאמְיֶיעַנְטֶען · אוּן אַקוּק גֶעבֶּן אוֹף דֶעם זֵייגֶער אַז דֶער זֵייגֶער וֶועט הַאלְטֶן אַיין פֶּערְטִיל אוֹף עֶלֶעף זָאלְסְטוּ צוּ גֵיין צוּם בֶּעט אוּן אוֹף וֶועקִין דִיא יוֹלְדוֹת · אוּן הֵייסֶן דֶעם קִינְד גֶעבֶּן זֵייגֶען · גֶדֶענְק וָוס אִיךְ זָאג דִיר אָן אוּן אִיךְ וֶועל לִיגֶען אִין קֶעךְ אוּן דוּ גֵייא אוּן טוּא וִויא אִיךְ הָאבּ דִיר גְזָאגְט וֶועט דִיר גָאט הֶעלְפֶן דוּא וֶועסְט הָאבֶּן אַיין לֶעבֶּעדִיג קִינְד · דֶער רֶענְדַאר אִיז אַרַיין גְקוּמֶן אוּן זָאגְט צוּ דִי אַלְטֶע יוּדֶן קוּמְט אַרַיין אִין יֶענֶער שְׁטוּבּ דִי קִינְדְבֶּעטֶערֶן וויל שְׁלָאפֶן זֵייעֶר אוּנ זֶעצְט זִיךְ דָארְטֶן בַּיי דִי טִישֶׁען זָאגֶן · אוּן עֶר הָאט גְנוּמֶן זוּעֶר טֵייג אוּן לֵיים אוּן הָט אָנְגְהוֹבֶּן אַרוּם שְׁמוּרֶען וִויא אַיין לָאךְ וִויא אַיין שְׁפֶּעלְטִיל אַרוּם דִי טִירֶען אַרוּם דִי פְרֶעכְטָאדְנִיעֶם · עֶר הָאט גְמַאכְט אַקְארַאט וִוי עֶר הָאט אִים גְהֵייסֶן · אִין בֶּעט הָט עֶר אָן גְצִינְדֶען לִיכְט אוּנ זִיךְ הָט עֶר אוֹךְ אָן גְצִינְדֶן אַיין גְרוֹס לִיכְט אוּן הָט זִיךְ אַנִידֶער גֶזֶעצְט אוֹף אַיין שְׁטִיל · אוֹף דֶר יוֹלְדוֹת אִיז גְפַאלֶן אַיין שְׁלָאף תָּאמְשִׁי טְרָאנְ זִיא אַוֶועק מִיט דֶעם בֶּעט · וִויא עֶר זִיצְט הֶערְט עֶר פָארְט צוּ דֶער גְרַאף דְרוּרֶעטְשׁ מִיט זַיין קָאמִיסֶער אוּן רֵיידֶן צְווישֶׁן זִיךְ עֶר דֶער קָאנְט אַקְארַאט זֵייעֶר קוֹל אוּן דֶר גְרַאף קְרוֹכְט אַרָאפּ פוּן דֶעם פֶערְד אוּנ גֵייט צוּ צוּ זַיין פֶענְצְטֶער אוּנ קְלַאפְּט אַרוּנְדַארְוֶע עֶפִּין דִי קְרֶעטְשֶׁמֶע · עֶר שְׁווַייגְט זָאגְט דֶר גְרַאף צוּם קָאמִיסֶר וָוס אִיז דָם לֶעכְט בְּרֶענְט אוּן עֶר רוּפְט זִיךְ נִיט אָן · אוּן טוּט אַיין גְרֶעסֶערִין קְלַאפּ עֶפִּין דִי קְרֶעטְשֶׁמֶע אִיךְ בִּין דָא אַלַיין מִיט טַיינֶע מֶענְשֶׁן אִיךְ פָאר פוּן פָאלִיוַואנֶיע · עֶר שְׁווַייגְט ·

דער

דער גראף ווערט אין כעס עפען ווארום איך וועל אריין
שיסען אין קרעטשמע · שעלמאן מיין קרעטשמע ווילסטו
מיר ניט עפינען ער שאפט אוף דיא סטרעלצים מען זאל
אום זעצן דעם טואר · ער הערט וויא מע רייסט דעם
טואר און עס דאכט אים אום אז מ'ה' הט שון דר ביוועט
זיך צום טואר · אין דעם זאגט דער גראף צום יעקאנים
דר לאנג מיר דיא בוקס און לאדן זיא אן איך וועל דעם
שעלמאן פאר ברענגן מיט דער קרעטשמע מיט זיין גאנץ
גוטץ און שיסט אום גליך אין זיין פענצטער מחמת פחד
איז ער אראפ גפאלן אוף דער ערד מיט דעם פנים אראפ
ווייזט זיך אים אום אז דס פייער פלאקערט און עס פאלט
אוף אים פייער · טראכט ער ביא זיך ברויע ער זאל
פר ברענט ווערן אין ער וועט זיך ניט אוף הייבן מיין וועלט
איז שון אלץ איינס פר פאלן · ער הערט ווי דר שררה
שרייאט ער וועט אים נאך מארגן מער מאן אוב ער וועט
ניט פר ברענט ווערן · און זאגט צו זיינע מענטשין זעצט
אוף אוף דייני פערד און לאמר אהיים פארן · זייא זענען
יאיעק גפארן אבר מיט גרוס כעס · און ער ליגט אוף דר
ערד אין עטליכע מנוט ארום הערט ער וויא עס גייט איין
מחנה סאלדאטען מיט אגרוסן קאראש מע זינגט און מע
פויקט · דער נאך האט אן גהובן צו שפילען דיא מאזוקע
זייא זענען גקומען לעבן דר קרעטשמע הט דר עלצטער איין
גשרייא גגעבן זייא זאלען בלייבן שטיין און מאכען איין
פרעוואל · ער הערט וויא עס איז גווארן איין קלונגעריי
מיט דיא בוקסען · מע שטעלט צו נאנד · אין דעם גייט
צו איין פראסטר סאלדאט עפינט איך וויל איין טרונק
ברונפן · ער שווייגט ער בעט מיט גרוס גבעט מע ענפערט

אים

מעשה נפלאה

אִים נִיט גֵייט עֶר אַוֶעק אוּן שֶׁעלְט אִים אָן וִויא אֵיין סָאלְדַאט דֶער נָאךְ הֶערְט עֶר גֵייט צוּ אֵיין עֶלְצְטֶער מִיט אֵיין אֵייזֶעל קוֹל אוּנ זָאגְט יוּד עֶפִין מִיר · אוּנ מָאטֶער הָאסְטוּ מוֹרָא דֶעם טוֹעֶר צוּ עֶפִינֶען גִיב מִיר אַרוֹס אֵיין גְלָאז מַשְׁקֶה אוּן נַארֶער וִויפִיל גֶעלְד דוּא וִוילְסְט · עֶר שְׁווַייגְט אִין דֶעם דֶר הֶערְט דֶר פּוּלְקָאוְונִיק וִוי דֶר אָפְצִיעֶר בֶּעט זִיךְ מֶע זָאל אִים עֶפֶענֶן לוֹפְט עֶר צוּ אוּן גִיט אֵיין זֶעצְץ אִין פֶענְצְטֶער וָואס אִיז דָם דוּ וֶועסְט נִיט עֶפִינֶן דִי קְרֶעטְשְׁמֶע · מִיר דִינֶען דֶעם מַלְכוּת אוּן מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אִין אֵיין מִלְחָמָה אַרַיין אוּן דוּא וִוילְסְט נִיט עֶפִינֶען · מִיר מַאכֶן פוּן דִיר אוּן פוּן דֶער קְרֶעטְשְׁמֶע אֵיין תֵּל עוֹלָם · הֶערְט עֶר וִוי עֶר לוֹפְט צוּ צוּם יֶענֶעראַל אוּנ קְלָאגְט פַר אִים זֶעה וָוס פַר אֵיין שְׁלֶעכְטֶר מֶענְשׁ דָא זִיצְט מֶע בֶּעט אִים עֶר זָאל פַר קוֹפֶען מַשְׁקוֹת אוּנ זָאל לֵייזֶען גֶעלְד אוּן עֶר וִויל נִיט לֵייזֶען אוּנ וִויל נִיט אוֹף עֶפִינֶען דִי קְרֶעטְשְׁמֶע אוּנ נָאךְ מֶער עֶר רוּפְט זִיךְ נִיט אָן · עֶנְפֶערְט דֶר יֶענֶעראַל מֶע דַארְף אִים בֶּעטֶן · לָאז מֶען אוּנְטֶר פִירֶן צְווַיי רָאטֶעם אוּן פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען קְרֶעטְשְׁמֶע אוּם שִׁיסֶען וֶועט עֶר מִיט דֶר קְרֶעטְשְׁמֶע פַר בְּרֶענְט וֶוערֶן · עֶר הֶערְט וִוי מֶע פַאר פִירְט דִי הַארְמַאטֶעם אוֹף בֵּיידֶע זַייטֶען קְרֶעטְשְׁמֶע · אוּנ מֶע קָאמַאנְדֶעוֶועט דִיא סָאלְדַאטֶן זֵיי זָאלֶן אוּם שִׁיסֶען · פְּלִיצְלוּנְג הָאט מֶען אוּם גְשָׁאסֶן אִיז עֶר שׁוֹן גִיבְּלִיבֶּן לִיגֶען הַאלְבּ טוֹט פוּן גְרוֹשׂ שְׁרֶעק עֶר וֵוייסְט שׁוֹן נִיט וִויא עֶר אִיז · אוּן דָאס פַייעֶר זֶעצְט אִים אִין דִי אוֹגֶען · אָקֶערְשְׁט עֶס בְּרֶענְט אִים אוּם דִיא אוֹגֶען · וֶוען עֶר וָואלְט זִיךְ פַאר שְׁטֶעלְט דִי אוֹגֶן עֶר קָאן אָבֶּר נִיט רוּרֶען מִיט קֵיין שׁוּם אֵבֶר עֶר הֶערְט דָאס גִישְׁרַייא פוּן דֶעם חַיִל · דֶר זָאגְט דָם

אוּנ

אונ דר זאגט דס • ער ליגט טוט ער קאן זיך ניט ריהרען די זאך האט געווערט ערך איין שעה • אין קורצען ער האט שון געהערט אז מע קאמאנדעוועט מע זאל שון גיין מע צו נעמט דיא בוקסען און מען גייט אוועק • און ער ליגט אונ קאן זיך ניט רוהרען • אין עטליכע מנוט ארום קומט אן צוא פארן דער רענדאר ווס ער זיצט ניט ווייט לעבען אים און שטעלט זיך אנידר ער האט אים דר קאנט אז דס איז דער ארענדאר אונ-גייט צו און קלאפט פאוואלע • ר׳ חיים ר׳ חיים • עפינט מיר אוף ער שווייגט • קלאפט ער שטארקר ר׳ חיים צו איר שלאפט שון אזו פריא ער שווייגט הייבט ער אים אן צו בעטן איר מיינט אפשר אז איך בין גקומן אוף דעם קריאת שמע ליינען איך דארף האבן נייטיג איין האלבע מאה ברונפן עס איז ביי מיר איין אקאזיע אין קרעטשמע ביי איין נכרי אונ מיר איז אוס גגאנגען ברונפען • על כן בעט איך אייך איך וועל אייך ביי צאלן מיט דריי גראשן מייערער אבי איך זאל האבן ברונפן • די חרפה איז מיר זייער גרוס פר די נכרים ער שווייגט ער בעט נאך אמאל און נאך אמאל ער ענפערט ניט • איז ער גקומן אין כעס אונ האט אים אן גהובן צו שעלטן מיט קללות נמרצת וביותר האט ער אים גישאלטן אז ער זאל ניט דר לעבין צו האבן איין לעבעדיג קינד און איז אוועק גפארן • און ווידר אין עטליכי מנוט קומט צו גיין איין קליין יונגעלע און קלאפט אן בעל הבית בעל הבית איך בין דאס יונגעלע וואס איך האב אייך גראטען צו די אלע זאכן עפינט מיר אוף איך דארף אייך נאך עפעס זאגען וועט איר שון בוודאי האבן איין לעבעדיג קינד ער שווייגט און ליגט אוף דר ערד די כוחות גייען אים אוס כמעט צו שטארבן ; זאגט דס יונגלע איך

ווייס

וֶוייס זֵייעֶר גוּט אַז אִיר הָט קֵיין כּוֹחַ נִיט אוֹיף צוּ שְׁטֵיין
שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּנ עֶפִּינְט מִיר דָאס פֶּענְצְטֶער וֶועל אִיךְ
אַייךְ נָאךְ עֶפִּיס זָאגֶן וּבִפְרַט עֶס אִיז קֵיינֶער נִיט דָא אִין
דְרוֹסֶען עֶר שְׁווַייגְט · דָם יוּנְגֶלֶע רֶעט עֶר וֶוערְט אָקֶערְשְׁט
נִיט צוּ זֶעצְט עֶר שְׁווַייגְט · דֶר נָאךְ הָט אָנְגִיהוֹיבֶּען דָאס
יוּנְגֶעלֶע צוּ ווֵיינֶען שְׁטַייטְשׁ אִיךְ וִויל אַייךְ מַצִיל זַיין אֵיין
קוּנְד אוּנ אִיר עֶנְפֶּערְט מִיר גָאר נִיט עֶר שְׁווַייגְט · נָאךְ דִי
אַלֶע גְווֵיינֶען זָאגְט דָם יוּנְגֶעלֶע נָא · אַז אִיר וִוילְט מִיר נִיט
עֶפִּינֶען זָאלְט אִיר שׁוֹן צַייט אִיר וֶועט לֶעבֶּן נִיט הָאבֶּען
קֵיין לֶעבֶּעדִיק קוּנְד · אוּן שֶׁעלְט מִיט אַזֶעלְכֶע קְלָלוֹת אַז
דָם יוּנְגֶעלֶע הָט אִים מֶער אַרוֹס גְנוּמֶן דָם הַאַרְץ פוּן דִיא
אַלֶע זַאכֶן וָוָס עֶר הָט פְּרִיר גְהַאט אוֹיף זִיךְ · אִין קוּרְצֶן דָם
יוּנְגֶעלֶע הָט גְטָאן אֵיין קְנַאק אִין לָאדִין אוּנ אִיז אַוֶועק · דֶר
אַרֶענְדַאר לִיגְט נָאךְ אוֹיף דֶר עֶרְד עֶר וָואלְט שׁוֹן גֶגֶערֶן זִיךְ אוֹיף
גְהוֹבֶּען אָבֶּר עֶס אִיז נִיט גְמָאלְט עֶר אִיז נָאךְ אַבִּיסֶל גְלֶעגֶן
אוּן הָט זִיךְ אַבִּיסֶעל פַּאמֵייעֶנְפַּאט אוּן וֵוייסְט אַז עֶר מֶעג
שׁוֹן אוֹיף שְׁטֵיין · עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטַארְקְט אוּן הָאט צוּ
גִירַאטְשְׁקֶוֶועט צוּם בֶּענְקֶעל אוּן הָט זִיךְ אַנִידֶער גֶזֶעצְט ·
עֶר קוּקְט אוֹיף דֶעם זֵייגֶער עֶס אִיז צֶעהֶן · עֶר גֵייט נָאךְ
נִיט צוּ צוּ דֶעם בֶּעט גְוָואר וֶוערֶן וָוארוּם עֶר זֶעהֶט דָאךְ וָוָס
עֶס הָאט זִיךְ אִים אוּם גְוִויזִין אִיז אַלְץ שֶׁקֶר · גָאט הָאט
גְהָאלְפֶן דֶער זֵייגֶער הַאלְט שׁוֹן אַפֶערְטִיל אוֹיף עֶלְף אִיז עֶר
אוֹיף גִישְׁטַאנֶן פוּן דֶר שְׁטוּל אוּנ גֵייט צוּ צוּם בֶּעט · עֶר הָאט
גִיקְרוֹגֶען לֶעבֶּן דֶער יוֹלְדוֹת עֶפִּיס אֵיין דֶר קְוִויקוּנְג אוּן הָט
זִיךְ אַבִּיסֶעל מְתַיֶה גְוֶוען · דֶער נָאךְ וֶועקְט עֶר דִי יוֹלְדוֹת
זִיא הָאט אוֹיף גְוַואכְט · זָאגְט עֶר צוּ אִיר זֶעה וָוָס מוּט
דָם קוּנְד זִיא נֶעמְט דָם קוּנְד אוּנ גוּט אִים זֵייגֶען · עֶר

וַיינְט פְרֶעגְט דִי יוֹלְדוֹת בַּייא אִים וְוי הַאלְט דֶער זֵייגֶער • זָאגְט עֶר אֵיין פֶּערְסְפִּיל אוֹף עֶקְף וֶוערְט דִי יוֹלְדוֹת מִיט דֶם אַרֶענְדַאר אִין גְרוֹס שִׂמְחָה • אוּנ עֶר עֶפִינְט אוֹף דִי טִירֶען אוּן גֵייט אַרַיין צוּ דִי אַלְטֶע יוּדֶן אוּן זָאגְט זַיי מַזָל טוֹב אִיךְ הָאבּ שׁוֹן דַאנְקֶן גָאט אֵיין לֶעבִּידִיג קוּנְד • אִיז אַרַיין גְקוּמֶן פוּן דֶער קֶעךְ דִי בָּאבֶּע אוּנ אַלֶע מֶענְשֶׁן זַיינֶע אוּנ גִיבֶּן אִים מַזָל טוֹב מֶע הָאט גִישְׁטֶעלְט צוּם טִישׁ בְּרוֹנְפֶּען מִיט אַלִירְלַיי פַר בַּאסוּנְג אוּן מֶע אִיז פְרֵיילֶעךְ • אִין מִיטֶן דֶר מאנְט זִיךְ דֶר רֶענְדַאר אוּן פְרֶעגְט דִיא בָּאבֶּע דָא אִיז גְווֶען תְּחִילַת הַלֵידָה אֵיין קְלַיין יוּנְגֶעלֶע וְוי אִיז עֶר זָאגְט זִיא יוֹא יוֹא • עֶפִּים לִיגְט אֵיין קְלַיין יוּנְגֶעלֶע אִין קֶעךְ • זָאגְט עֶר גֵייט רוּפְט אִים אַרַיין אוּן גִיט אִים אֵיין בִּיסֶעל בְּרוֹנְפֶן אוּנ אֵיין לֶעקִיכֶעל • וְוָארוּם עֶר הָט אִים נָאךְ פְרִיר אָנְגֶיזָאגְט אַז עֶר זָאל פוּן אִים נִיט מַאכֶן קֵיין וֶועזֶען אוּנ זָאל פוּן אִים זַיין נָאר פוּן ווַייטֶען אַזוֹ וְויא צוּ אֵיין אָרוּמַאן אֵיין פּוּם גֵייעֶר • דִיא בָּאבֶּע אִיז גִינַאנְגֶען אוּן הָאט אִים אוֹף גְוֶועקְט (נְכַאךְ וְויא עֶר וָואלְט גִישְׁלָאפֶן אוּן בֶּאֱמֶת הָט עֶר נִיט אָנְגֶיהוֹבֶּן צוּ שְׁלָאפֶן) דָם יוּנְגֶעלֶע וַואשְׁט זִיךְ דִיא הֶענְט אוּן קוּמְט אַרַיין שְׁלֶעפֶּערְדִיק אוּן זֶעצְט זִיךְ אַנִידֶער אוֹף דֶער בַּאנְק • זָאגְט דֶער אַרֶענְדַאר יוּנְגֶעלֶע נֶעם אֵיין בִּיסֶעלֶע בְּרוֹנְפֶן אוּנ פַר בַּיים אֵיין לֶעקִיכֶעל • דָם יוּנְגֶעלֶע הָט קְלָאפְּפֶערְשְׁט גְנוּמֶן אוּן גִיטְרוּנְקֶען אָבֶּר עֶר הָט אֲפִילוּ נִיט פַר זוּכְט • עֶר הֶערְט וְוי דִי אַלְטֶע הָאבֶּן זִיךְ גוּט פַר צוּגֶן מִיט דֶם בְּרוֹנְפֶן אוּן דֶר זָאגְט אֵיוֹא • אִיךְ הָאבּ גְהֵייסֶן זָאגֶן דָאם שְׁטִיקֶעל זוֹהַר • אוּנ דֶער בַּארוּמְט זִיךְ עֶר הָט גְהָאלְפֶן אִין דֶרזַאךְ וָוארוּם עֶר הָט גְהֵייסֶן זָאגֶן דָם שְׁטִיקִיל זוֹהַר עֶם אִיז צְווִישֶׁען זַיי אֵיין גַאנְצֶר רַעַשׁ • אָבֶּר דֶער

רענדאר

מעשה נפלאה

רֶעְנְדַאר װײסְט דֶעם אֱמֶת און שְׁװײגְט און קוּקְט אַרְץ אוֹף דֶעם יוּנְגֶעלֶע װֶען עֶר זֶעהְט נֶעמְט דָם יוּנְגֶעלֶע דָם שְׁטֶעקִילֶע אוּנ גֵייט אַרוֹס אוּן טוּט אֵיין װִינְק צוּ דֶם רֶענְדַאר עֶר זָאל אַרוֹס גֵיין · אִיז אִים בְּוַודַאי גְוֶואוֶן אֵיין לָאךְ אִין הַארֶץ (מִי יוֹדֵעַ) װֶער װֵייסְט וָוס עֶר װֶעט אִים װַיטֶער זָאגֶן · עֶר אִיז אַרוֹס גִיקוּמֶען זָאגְט דָאס יוּנְגֶעלֶע נָאךְ אֵיין זַאךְ דַארְפְט אִיר פַּר הוּטֶן · אוּנ אַז אִיר װֶעט שׁוֹן דִי זַאךְ אִיבֶּר קוּמֶען זָאלְט אִיר זִיכֶער זַיין אַז אִיר װֶעט הָאבֶּן קוּנְדֶער לֶעבֶּעדִיגֶע · און װֶעט זִיךְ דֶער לֶעבֶּן אֵיינִיקְלֶעךְ אוֹךְ· דָא װֶעט אַרַיין קוּמֶן אֵיין כּוּמֶר אִין דֶר דְזוּרִימְשׁ פוּן דֶעם דָארְף װֶעט דֶער כּוּמֶר נֶעמֶן אֵיין לִיכְט אִין דֶער הַאנְט אוּנ װֶעט צוּ גֵיין צוּ אִיטְלִיכֶן מֶענְשֶׁן מִיט דֶעם לִיכְט און װֶעט קוּקֶען אִין דִי אוֹגֶן אוּנ װֶעט אַװֶעק גֵיין · און אַז עֶר װֶעט קוּמֶן צוּ מִיר און װֶעט אֵיין קוּק טָאן װֶעט עֶר װֶעלֶן מִיר גֶעבֶּן אֵיין פַּאטְשׁ זָאלְט אִיר נִיט לָאזִין װֶעט עֶר מִיךְ װֶעלֶן נֶעמֶן אִיבֶּר נַאכְט אִין פָּאלִיצֶיֶע זָאלְט אִיר מִיךְ נִיט לָאזֶן · דָם אַז מִיר װֶעלֶן אִיבֶּר קוּמֶן מֶער װֶעט שׁוֹין נִיט זַיין · דֶר אַרֶענְדַאר אִיז אַרַיין גְקוּמֶען און זֶעצְט זִיךְ אַנִידֶער בַּיי דֶעם טִישׁ · מֶע װִיל גְרֵייטֶן צוּם טִישׁ עֶר הֵייסְט נִיט · אוּנ אַזוֹ װִי מֶע רֶעט קוּמְט אַרַיין דֶר גְרַאף מִיט דֶעם כּוּמֶר · אִינ װִיטֶעט זִיךְ מִיט דֶעם אַרֶענְדַאר דֶר כּוּמֶר נֶעמְט אֵיין לִיכְט פוּן דֶם טִישׁ אוּנ גֵייט צוּ צוּ יֶעדֶערִין מֶענְטְשֶׁן און קוּקְט זֵיי אִין דִי אוֹגֶען מִיט דֶעם לִיכְט אוּנ גֵייט אַװֶעק · עֶר קִימְט צוּ דֶעם יוּנְגֶעלֶע (און דֶער רֶענְדַאר גֵייט אִים נָאךְ טְרִיט בַּיי טְרִיט) און טוּט אִים אַקוּק אִין דִיא אוֹגֶען טוּט עֶר אֵיין גִישְׁרֵיי דוּ בִּיסְט דָם און װִיל אִים גֶעבֶּן אֵיין פַּאטְשׁ װִי עֶר הָאט אוֹף גְהוֹבֶּען דִי הַאנְט הָט אִים דֶר רֶענְדַאר צוּ גְחַאפְּט

די

דִי הַאנְט · אוּנ זָאגְט אִיךְ וֶועל אִים נִיט לָאזִין שְׁלָאגֶען · הָאט אָן גְהוֹבֶּן דֶר גְרַאף מִיט דֶעם גַאלֶעךְ צוּ בֶּעטֶן גִיבּ אִים צוּ אוּנְז חָאטְשֶׁע אִיבֶּר נַאכְט מִיר וֶועלִין אִים גָאר נִיט טָאן · זָאגְט דֶר רֶענְדַאר וָוס דוּ וִוילְסְט טוּא מִיט מִיר אוּנ אִיךְ וֶועל דִיר אִים נִיט גֶעבֶּן · דֶער גְרַאף שְׁרַייט אִיךְ וֶועל דִיךְ מָארְגְן אַרוֹם וַוארְפֶן פוּן דֶער קְרֶעטְשְׁמֶע זָאגְט עֶר וִויא אַזוֹ דוּ וֶועסְט וֶועלִין · זַייא זֶענֶען אַוֶועק גְגַאנְגֶען דֶר אַרֶענְדַאר הָט גְהֵייסֶן גְרֵייטֶן צוּם טִישׁ אוּן הָאבֶּן גְגֶעסֶען אוּן גִיטְרִינְקֶען · אוּן דֶעם יוּנְגֶעלֶע הָאט מֶען אוֹךְ גְגֶעבֶּען אִין אֵיין טֶעלִירֶעל עֶסֶען אַזוֹ וִויא אֵיין אָרוֹם יוּנְגֶעלֶע · אִין דֶער פְרִיא הָט דֶר רֶאנְדַאר אַרַיין גְשִׁיקְט פִירֶן אִין שְׁטָאט אוּן הָט אַרוֹם גְנוּמֶן מֶענְטְשֶׁן דִיא פָאר נֶעמְסְטוּ · אָבֶּר דִי פוּם גֵייעֶר זֶענֶען אַסךְ מֶער גְוֶוען וִויא דִיא וָוס זֶענֶן גְפָארֶן פוּן שְׁטָאט עֶס אִיז גְקוּמֶן צוּ דֶער מִילָה אִיז וִוידֶר גְקוּמֶן דָם יוּנְגֶעלֶע אוּן שְׁטִיפְט זִיךְ צוּ דֶר כִּסֵא שֶׁל אֵלִיָהוּ · דֶר טוּט אִים אֵיין שְׁטִיפּ · דֶער טוּט אִים אֵיין וָוארְף · דֶער רֶענְדַאר הָאט דָם דֶר זֶעהְן אִיז עֶר צוּ גְלָאפֶן אוּן זָאגְט אִיךְ בֶּעט אַיךְ לָאזְט אִים צוּ וָוס הַארְט אַייךְ עֶר וִויל אוֹךְ זֶעהְן וִויא מֶע וֶועט דָם קוּנְד יוּדֶעשֶׁען · אַזוֹ וִויא דֶר סַנְדֶק הָט צוּ גֶרֶעקְט אִיבֶּערְן קֶעפִּיל דָאם קוּנְד דָאם יוּנְגֶעלֶע שְׁטוּפְּט אַרוּנְטֶער דֶעם טַלִית זַיין קָאפּ אוֹךְ · דִיא מֶענְשֶׁן וִוילֶן אִים אַוֶועק שְׁטוּפֶּען דֶער רֶענְדַאר לָאזְט נִיט · נָאט הָט גְהָאלְפֶן נָאךְ דֶר בְּרָכָה אִיבֶּערֶען כּוֹס · הָט עֶר גְזָאגְט דֶעם רֶענְדַאר מַזָל טוֹב · אוּן אַזוֹ וִויא עֶס אִיז גְוֶוען אֵיין גְרוֹס עֶנְגְשַׁאפְט אִיז עֶר אַרוֹם אוּן אִיז אַוֶועק · דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ גֶזֶעצְט צוּם טִישׁ · עֶר חַאפְּט זִיךְ אוּף וִויא אִיז דָם יוּנְגֶעלֶע אַהִין גְקוּמֶן מֶע זוּכְט אִים אָבֶּר עֶר אִיז שׁוֹן גַאנְץ וַוייט · דֶער

מעשה נפלאה

רֶעגְדַאר שִׁיקְט אוּף אַלֶע וֶועגֶן זוּכֶען עֶר אִיז נִיטָא · הָא
דֶער רֶעגְדַאר הֶערְשְׁט אָן גְהוֹבֶּן צוּ דֶער צֵיילֶן וֶוער דָא
יוּנְגֶעלֶע אִיז גְוֶועֶן אוּן דָאס יוּנְגֶעלֶע הָאט אִים מַצִיל גְוֶו
דָם קוּנְד · אָדָם אִיז אַהֵיים גְקוּמֶען פּוּנְקְט צוּ דֶער אַבְ
טָאג · קָאן מֶען פַר שְׁטֵיין וָואס פַר אֵיין שִׂמְחָה אִיז גְוָוא
אוּף דֶער סוּטֶר אוּן אוּף דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט · אוּן עֶר הָ
זֵייא דֶער צֵיילְט וָואס עֶר הָאט אִין דֶעם וֶועג גְמַאכְט · פ
דֶענְצְמָאל אָן אִיז עֶר שׁוֹן גְוֶועסֶן אִין דֶער הֵיים אוּן הָא
גִיפְּרַאוֶועט זַיינֶע זַאכֶן אַזוֹ וִוי אֵיין בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ · אוּ
מֶע הָאט אִים גְרוּפֶן ר׳ אָדָם בַּעַל שֵׁם · אוּנ וִוי עֶס הָא
וִיךְ מִיט אִים גְפִירְט צַייט זַיין לֶעבֶּן · אוּנ וִוי אַזוֹ עֶר הָא
אִיבֶּער גֶעגְפֶּערְט זַיינֶע כְּתָבִים הַקָדוֹשׁ ר׳ יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם
וֶועט אִיר גְפִינֶען אִין שִׁבְחֵי בעש״ט · זַיין זְכוּת זָאל אוּנְ
בַּייא שְׁטֵיין אוּן זָאל אוּף אוּנְז מֵגִין זַיין פוּן אַלְדָאס שְׁלֶעכְ
אוּן מִיר זָאלֶן אִין אֵיין גִיכֶער צַייט אוּם גְלֵייזְט וֶוערֶן וְיָבוֹ
גוֹאֵל צֶדֶק בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן סֶלָה :

ענדע